№ 110 — Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem — פרייז 20 גראשען — Lodzer Tageblat

לאדזער טאגעבלאט

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פעטריקאווער 18.
טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47.
דאנערשטאג, י' אייר תרפ"ז | 12 maja 1927 r. | צוואנציגסטער יאהרגאנג.

געזעץ וועגן האנדעלס-קאמערן נעכטן אריינגעטראגן אין מיניסטערן-ראט.

ווארשא, 11 מאי (טעלעפאניש) דער האנדעלס-מיניסטער קוויאטקאווסקי האט היינט אריינגעטראגען אין מיניסטעריען-ראט דעם פראיעקט פון דעקרעט וועגן די האנדעלס-קאמערן אין פוילען.

פוילישע לעהרערשאפט טרעט צו צום ראדיקאלען בלאק.

ווארשא, 11. מאי (ספ.) די געזעלשאפט פון לעהרער אין די הויך-שולען און דער פעראיין פון מיטעלשול-לעהרער פיהרן איצט אונטערהאנדלונגען מיט'ן ראדיקאלען בלאק (פילסודטשיקעס) וועגן א געמיינזאמער אקציע.

א שרפה אויפ'ן מיליטערישן פליה-פלאץ אין ווארשא.

ווארשא, 11. מאי (טעלעפאניש) היינט 11 פמ. איז אויסגעבראכען א שרפה אויפ'ן מיליטערישען פליה-פלאץ אויף מאקאטאוו. די שרפה איז אויסגעבראכען אין דער לאקירניע און אין דער טישלעריי, וואו עס האבען זיך געפינען נאך נישט צוזאמענגעשטעלטע עראפלאנען. די ארטיגע ארבייטער האבען זיך תיכף גענומען צו דער רעטונגס-אקציע, און גלייכצייטיג האט מען טעלעפאנירט נאך אלע אבטיילונגען פייערלעשער, וועלכע זענען אין איניגע מינוטען ארום אנגעקומען אויפ'ן ארט און זיך גענומען צו אן ענערגישער רעטונגס-אקציע. אין צוויי שעה ארום איז געלונגען דאס פייער איינצולאקאליזירען. איניגע ארבייטער זענען בעת דער רעטונגס-אקציע אנגעברענט געווארן.

דער וו.-קריגס-מיניסטער גענעראל קאנאזשעווסקי מיט אנדערע הויכע בעאמטע פון זעלבען מיניסטעריום איז אנגעקומען אויפ'ן ארט פון דער שרפה, וואו עס איז צוזאמענגעשטעלט געווארן א פראטאקאל און עס האט זיך אנגעהויבען אן אויספארשונג פעסטצושטעלען די סבות פון דער שרפה.

וויצע-שעף פון פוילישע פליה-דעפארטאמענט אומגעקומען מיט א טראגישען טויט.

ווארשא. 11. מאי (טעלעפאניש) אין ווארשא איז היינט פארגעקומען א לופט-קאטאסטראפע, וואס האט געקאסט דאס לעבען פון וויצע-שעף פון פליה-דעפארטאמענט פאדפולקאווניק זיך-פלאדאווסקי.

9 אין דער פריה איז מאיאר פלאדאווסקי ארויסגעפלויגען אין זיין עראפלאן און געמאכט איניגע לופט-קרייזען איבער דער שטאט. געפינענדיג זיך אין דער הויך פון 100 מעטער איבער'ן בעלוועדער האט ער געמאכט איניגע אזויגערופענע „פראפען-ציהער"-איבונגען. אין דעם מאמענט האט זיך געמאכט א שטארקער ווינד און דער עראפלאן האט פערלוירען דאס גלייכגעוויכט און אראבגעפאלען מיט א בעשווינדיגקייט אויף דער ערד. אין דער נאהנט פון בעלוועדער האט זיך דער עראפלאן פערטשעפעט אין א דאך פון א הייזל און מיט'ן שפיץ פון'ם דאך, האט ער זיך מיט א געוואלדיגער קראפט אריינגעגראבען אין דער ערד. די מאשין איז צושמעטערט געווארן אויף שטיקלעך. צווישען די שטיקער אייזען און האלץ איז געלעגען דער מאיאר מיט צושמעטערטען קאפ, נישט ארויסגעבענדיג מעהר קיין סימנים פון לעבען. די קאטאסטראפע און דער טויט פון דעם מאיאר האט געמאכט אין שטאט אן ערשיטערנדיגען איינדרוק. דער אומגעקומענער איז אלט געווען 32 יאהר און איבערגעלאזען נאך זיך א יונגע אלמנה.

העכסטער פונקט פון קריזיס אין ארץ ישראל איז שוין אריבער.

דער ארץ ישראל באריכט פון קאלאנעל קיש אויף דער זיצונג פון אקציאנס-קאמיטעט אין לאנדאן.

לאנדאן. (יטא) אין אן אויספיהרליכען באריכט, וואס דער לייטער פון ציוניסטישען עקזעקוטיוו אין ארץ-ישראל, קאלאנעל קיש, האט אפגעגעבען וועגען דער אלגעמיינער לאגע און וועגען דער ציוניסטישער אויפבוי-טעטיגקייט איז צוו. אנד. געזאגט געווארען:

די ידיעות, וואס ווערען פערשפרייט וועגען ארץ-ישראל זענען אזוי שטארק באהערשט דורך דער קריזיס-שטימונג, אז עס קאן זיך אויסדאכטען, אז די גאנצע ווירטשאפטליכע סטרוקטור פון לאנד איז צוזאמענגעבראכען. פאקטיש אבער, ווערט, נישט קוקענדיג אויפ'ן קריזיס, פארטגעזעצט די אויפבוי-ארבייט אויף פערשידענע געביטען.

די נאטוראליזירונגס-קאמפאניע, וואס איז דורכגעפיהרט געווארען דורכ'ן עקזעקוטיוו, האט געגעבען בעדייטענדע רעזולטאטען. די רעגירונג האט געמאכט וויכטיגע פערלייכטערונגען. די נאטוראליזאציע-אפצאהלען זענען פערקלענערט געווארען אויף א העלפט. פון חודש אויגוסט האבען ערווארבען ארץ-ישראל-בירגערשאפט 2500 מענטשן מיט זייערע פאמיליעס. קאלאנעל קיש האט אין זיין באריכט פערארטיילט די האנדלונג פון דער יודישער קהלה אין חיפה, וואס האט געפיהרט א קאמפאניע געגען דער נאטוראליזאציע. אין באריכט ווערט אויך מיט צופרידענהייט פעסטגעשטעלט די מכמערהאפטע אייניגקייט פון די ירושלימ'ער יודען בעת די לעצטע שטאט-ראט-וואהלען.

די ארץ-ישראל-רעגירונג האט אנגערקענט פאר'ן יודישען שול-בודזשעט אין יאהר 1926/27 א סובווענץ אין דער הויך פון 9.740 פונט. די דאזיגע סומע איז שוין איינגעפלאסען. עס זענען דא אויסזיכטען, אז פאר'ן יאהר 1927/28 וועט די סובווענץ געהעכערט ווערען אויף 20.000 פונט.

אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון אקציאנס-קאמיטעט אין אויגוסט 1926 זענען אין משך פון דער צייט קאלאניזירט געווארען 205 פאמיליעס. די קאלאניעס אין יהודה האבען אויפגענומען א גרעסערע צאהל ארבייטער. ווי עס האט פעסטגעשטעלט דער בעריהמטער ענגלישער זאכקענער ענטוויקעלט זיך די קאלאניזאציע אין ארץ-ישראל מיט קלענערע אפפערס, ווי אין די ענגלישע דאמיניעס.

א טיפע ערשיטערונג האט איבערגעלעבט די יונגע ארץ-ישראל-אינדוסטריע. דער קריזיס האט אבער בעוויזען, וועלכע אונטערנעהמונגען עס האבען אונטער זיך א פעסטען באדען. די איינוואנדערונג פאר דער צייט האט בעטראפען 75 טויזענד פערזאן, די אויסוואנדערונג 17.500. ד.ה. אז ארץ-ישראל האט פערלוירען 23% פון איהר איינוואנדערונג. אין די פעראייניגטע שטאטען איז אויך פעסטגעשטעלט פאר די לעצטע 18 יאהר (1908—1925) א צוריקוואנדערונג אין דער הויך פון 35% פון דער איינוואנדערונג. די האלטונג פון דער ארבייטערשאפט איז, ווי עס האט פעסטגעשטעלט דער נציב העליון, מוסטערהאפט, פול מיט מוט, אויסדויער און דיסציפלין, נישט קוקענדיג אויף זייער אונגלויבליכער נויט.

די אלגעמיינע פינאנציעלע לאגע פון א"י-עקאנאמיע איז זעהר א שווערע. די פינאנציעלע סטאביליזירונג איז א פראגע פון לעבען אדער טויט פון דער יודישער ארבייט אין לאנד. עס מוז דערבער דורכאויס געשאפען ווערען א פעסטער פינאנציעלער יסוד, כדי דער עקאנאמיע זאל קאנען ערפילען זייערע פערפליכטונגען.

אין באריכט ווערט אויסגעדריקט די מיינונג, אז דער העכסטער פונקט פון קריזיס איז שוין אריבער און די לאגע וועט אין גיכען מערקווירדיג פערבעסערט ווערען.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש 20
שבת דעם 14-טען מאי 10 אין דערפריה קומט פאר א
שלום-עליכם-אקאדעמיע
געווידמעט דעם 11-טען יאהרצייט פון גרויסען פאלקס-שרייבער.
אין פראגראם: 1) רעפעראט וועגען שלום-עליכם—י. ליכטענשטיין,
2) רעציטאציעס און מאנאלאגען, אויסגעפיהרט דורך די „אזאזעל"-ארטיסטען: יעקב מיינסדארף, נחום מעלניק, משה פאטאשינסקי און הערש פאזנאנסקי. 3) געזאנג, אויסגעפיהרט דורכן בעוואוסטען זינגער און ארטיסט פון דער רוסישער קליינקונסט-ביהנע „בלויער-פויגעל" ה' לעא ריאזאנצאוו, וועלכער וועט זינגען די לידער: שלאף מיין קינד—שלום-עליכם, קדיש—לוי יצחק. איז אוועק אין קריג דער מלך—מ. קאנאפניצקא, בעל-עגלה, טישער-ליד—מוזיק פון שוביערט און א רייהע אנדערע יודישע פאלקס-לידער,
ביים קלאוויר—ה' באלזאם.
בילעטען פון 50 גר. ביז 250 שוין צו בעקומען ביי דער קאסע פון פילהארמאניע.

דער מארגענדיגער
פרייטאג-נומער
— פון —
„לאדזער
טאגעבלאט"
וועט ערשיינען אין א גרעסערן פארמאט און ברענגען א גאנצע רייהע ארטיקלען און פעליעטאנען פון די בעסטע שריפטשטעלער.
אנאנסען ווערען אנגענומען היינט א גאנצען טאג.

Dr. med. H. Lubicz
צעגעלניאנא 43, — טעל. 41-32
איז צוריקגעקעהרט.
ספעציאליסט פאר הויט, מענערישע און מענער-שוואכע-קראנקהייטען. היילונג מיט קווארץ-לאמפען (האר-אויספאל).
נעמט אן פון 8—10 און פון 5—8 אוונד.

פלעגט די פיס!
PEDICURE
S. Łódzki, Trauguta 5 (Krótka), m. 10
געוועזענער אסיסטענט ביי מיסטער קלעמאן (היגיענישע אנשטאלט אין לאנדאן).
ספעציאליסט צו בעזייטיגען היגער-אויגען און הארנהויט, אריינגעוואקסענע נעגעל אהנע שמערצען.
מאסאזשירט די פיס.

Dr. Z. Rakowski
ספעצ. פאר אויערען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען
9 קאנסטאנטינאווסקא 9 טעלעפ. 27-81
ספעציעלער קורס פאר שטאמלער.
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7.
נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאכם. 8016

Dr. Prybulski
זאוואדזקא 1 :—: טעלעפאן 25-38.
ווענערישע האר- און הויט-קראנקהייטען, מענער-שוואכע-
בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (האר-אויספאל) אין-רענטגען-שטראהלען.
נעמט אן פון 9—1 דאמען צוו. און 4—8: און 4—5

די לאדזער יודישע
קהלה-פערוואלטונג
מאכט בעקאנט, אז פרייטאג, דעם 13-טען ד. ח. א זייגער 11 פארמיטאג, וועט אין דער אלטשטעטישער שוהל, וואלבארסקא 20, פארקומען
א אזכרה
פאר די אלע, וואס זענען אומגעקומען אין די פאראיאהריגע מאי-געשעהענישען.
לאדז, דעם 11 מאי 1927.

Dr. med. H. LEICHTER
קאנסטאנטינער 9, רוג זאכאדניא
טעל. 49-66.
צאהן-כירורג
ספעצ. פון כירורגישע קראנקהייטען ווי שטשענקעס, ציסטען, דזשאנקעס, צאהן-פיסטולעס א.ז.וו.
נעמט אן פון 1½-5 און פון 8-9 אוו. זונטאג 11-2.

Dr. med. Braun
ספעציאל-ארצט פאר הויט-און ווענערישע קראנקהייטען און מענער שוואכע.
בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (האר-אויספאל)
23 פאלודניאווא 23
טעל. 40-26
נעהמט אן פון 9—11 און פון 5—8 אוונד

Dr. med. Feldman
פרויען-ארצט און אקושער
נעמט אן פון 6½—3½
Cegielniana 46, tel. 32-88.

Dr. H. Rakowski
אינערליכע קראנקהייטען
האט זיך איבערגעצויגען פון זאוואדזקא 25 אויף
זאוואדזקא 8 פר. 1 שטאק, טעל. 37-34.

סאוויעטיש-פראנצויזישע דערנענטערונג

זאל דערגרייכט ווערן אויף דער ווירטשאפטס-קאנפערענץ איז גענף

עקאנאמישער דערנענטערונג צווישען די סאוויעטען און פראנקרייך.

פאריז, 11. מאי. (א. ח.) די סאוויעטישע רעגירונג איז און דער מיינונג, אז אויף דער אינטערנאציאנאלער עקאנאמישער קאנפערענץ אין גענף וועט זיך ווידער אויפנעמען אן עקאנאמישע דערנענטערונג מיט פראנקרייך. עס האט זיך פארשריבען א קלאגע, אז און די קאמערציעלע קרייזען וועט צוזאמען מיט הארמאניען אנגאזשירט ווערען א גרויסע פראנצויזישע פירמע.

די ראזינע קלאגען האבען און פאריז ארויסגערופען א גרויסע סענסאציע.

קאפיטאליזם אדער קאמוניזם

דאס איז די פראגע וואס ווערט איצט בעהאנדעלט אויף דער ווירטשאפטליכער קאנפערענץ אין גענף.

גענף, 11. מאי. (פאט) די שווייצער אגענטור מעלדעט, אז אויף דער אינטערנאציאנאלער פארמיטלונגס-צוזאמענקונפט פון דער אינטערנאציאנאלער ווירטשאפטליכער קאנפערענץ אין גענף האט דער פארזיצענדער [illegible]

[illegible]

לאטעריע פאר א האלבען מיליאן רובל לטובת דער ערד-איינארדנונג.

מאסקווא. (יטא) דער „אזעט" [illegible] לטובת דער יודישער ערד-איינארדנונג אין סאוויעטרוסלאנד. עס ווערט ארויסגעלאזט א מיליאן לאטעריע-צעטלען צו 50 קאפיקעס יעדערער, כדי צו געבען די מעגליכקייט ווערען אייגענע אמביל צו נעמען אין דער לאטעריע, העלפענדיג גלייכצייטיג דער יודישער ערד-איינארדנונג.

דער לענינגראדער „אזעט" לאזט ארויס אנזיכטס-קארטען פון אבערוואציאנטען לעבען, ווי אויך קונסטלערישע צייכנונגען פון קאלאניסטען-לעבען, נעב [illegible]

יודישער לאנדווירטשאפטליכער מוזיי אין קאלינינדארף.

מאסקווא. (יטא) אין קאלינינדארף, גען. שרד-סנוחה, ווערט געעפענט א יודישער לאנדווירטשאפטליכער מוזיי. אין דעם ראזינען מוזיי וועט געזאמעלט ווערען אלץ, וואס האט א שייכות מיט דער ענטוויקלונג פון דער יודישער לאנדווירטשאפט אין רוסלאנד.

די וואהל-קאמפאניע אין ווארשא.

ווארשא, 11. מאי (טעלעפאניש) היינט זענען ארייגעגעבען געווארען אין הויפט-וואהל-קאמיטעט פאלגענדע דריי יודישע קאנדידאטען-ליסטעס: נומער 16 — יודישער נאציאנאלער בלאק, נומער 17 — דעמאקראטישע פאלקיסטען און נומער 18 — פועלי אמוני ישראל.

קאנפיסקירט דעם וואהל-אויפרוף פון די קאמוניסטען.

ווארשא, 11. מאי (טעלעפאניש) דער ווארשאווער רעגירונגס-קאמיסאריאט האט געצוגען קאנפיסקירט דעם וואהל-אויפרוף פון „לינקען ארבייטער-בלאק" (קאמוניסטען). דער אויפרוף האט איבער זיך א קעפעל: צו די ארבייטער, ארבייטערינס, גייסטיגע ארבייטער און צו דער גאנצער ארבייטענדער בעפעלקערונג".

צום אבצייכעז-טאג פון „קרן קימת לישראל".

אין צוזאמענהאנג מיט'ן פארשטעהענדען אבציינען-טאג פון „קרן-קימת" [illegible]

[illegible]

3000 ארבייטער זאלען בעשעפטיגט ווערען ביי די נייע אינוועסטיציע-ארבייטען אין לאדז.

(ע) אין סוף פון דער פערגאנגענער וואך האט געוויילט אין ווארשא דער וואיעוואדא יאשטשאלט, וועלכער האט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן וויצע-פרעמיער בארטעל און אנגערוי-מיניסטער סקלאדקאווסקי. ועגען בעשטימען קרעדיטען און דער הויך פון 10 מיליאן זל. אויף אינוועסטיציע-ארבייטען אין לאדז. דער פלאן פון די ראזינע ארבייטען נעמט ארום דאס בויען 5 נייע שול-געביידען, א געבוידע פאר'ן שטאט-ראט, בויען א נייעם באזען-ווען לאדז—סקאטעווקע. בעי די ראזינע ארבייטען זאלען בעשעפטיגט ווערען 3000 ארבייטער. די מיניסטעריען האבען ארויסגעוויזען א גרויסע פעראינטערעסירונג פאר דעם ראזינען פלאן און צוגעזאגט אפצוהאלטען און דער נאהנסטער צייט א קאנפערענץ מיט פארשטעהער פון היגען מאגיסטראט וועגען דעם ענין.

הכחשה פון מאגיסטראט וועגען די ארבייטסלאזע.

וואס האבען זיך אלײן געשמעלט ארבייטען אין קאנסאמאטינער וואלד.

(מ) אין צוזאמענהאנג מיט דער געלמונער נאטיץ און אונזער צייטונג, אז אין קאנסטאנטינער וואלד זענען געקומען ארבייטסלאזע און זיך אליין געשמעלט ארבייטען, וועלט דער מאגיסטראט מיט, אז די ראזינע ארבייטער זענען גישט אגערקענט געווארען אלס שטאטישע ארבייטער. די ידיעה, אז דער מאגיסטראט האט די ארבייטער נעלאזט זיין בעשעפטיגט ביז א פערשטענדיגונג מיט'ן וואיעוואדא-אמט איז נישט ריכטיג. די ארבייטער האבען זיך מאכע געשמעלט ארבייטען, אבער נאך אַן אנג מערוונג'ע פון מאגיסטראט זענען זיי ראהיג אוועקגעגאנגען.

ציהונג פון דער צווייטער קלאס

15-טע מלוכה-לאטעריע.

ערשטער טאג.	
25.000 זל. נומר 63870.	500 זל.—8576 38491 83321.
10.000 זל. נומר 13320.	300 זל.—18754 50892 83061.
5.000 זל. נומר 58110.	250 זל. — 6058 11671 12543.
2.000 זל. נומר 4610.	22972 25627 29992 45118 46128.
1.000 זל. נומר 59746.	66490 75056.

צווייטער טאג פון פראצעס וועגען בלוט בלבול איז דאבזשיו.

ריפין, 11. מאי. (טעלעפאניש) היינט האט דער פערטיידיגער פון די 6 יודען, וועלכע ווערען אנגעקלאגט, אז זיי האבען זיך בעטייליגט אין די אונרוהען אין דאבזשין, געהאלטען זיין רעדע.

דער פערטיידיגער שטעלט זיך אויף דער ווכסער העגט, וואס די פונמערע עלעמענטען האבען געפיהרט צווישען דער קריסטליכער בעפעלקערונג, אז די יודען האבען ערמארדעט דאס 3-יעהריגע מיידעלע, כדי צו צאפען איהר בלוט אויף פסח. ער ווייזט אויף, אז די 6 יודען זענען צו'ממית'ס געווארען פון די 5-ליטעראטן און אויב א טייל האבען געשמעלט א ווידערשטאנד, קאן זיי אויף נארגושט קומען הערפאר, וויל זיי האבען פערטיידיגט זייער לעבען. ער בעט [illegible]

[illegible]

צום סוף האט געהאלטען א רעדע דער פראקוראר.

דער אורטייל וועט ארויסגעגעבען ווערען ערשט כמעט און דער פריה.

פער'משפט א פרוי אויף 4 יאהר טורמע פאר פערפרייטען פאלש געלד

(ב) דעם 20. נאוועמבער האט דער בעזונטער פון קאלאניאל-געשעפט אויף זגערזשער 49 מיכאל גאלדשטיין, איבערצעהלענדיג דעם פריון פון טאג, דערזעהען, אז מען האט איהם ארענגערעדעהט 5 פאלשע זלאטי-שיינען. וועגען דעם האט ער מיטגעטיילט זיין ברודער, וועלכער האט זיך דערמאנט, אז אינמיטען טאג האט עמיץ א פרוי געקויפט א נרעסערען סכום לעבענס-מיטעל און בעצאהלט מיט 5 זלאטים.

צומארגענס איז די זעלבע פרוי געקומען נאכאמאל עפיס קויפען און וויי מער בעצאהלט מיט א 5-זלאטי-שיין. די גאלדשטיין האט באלד דערקענט, אז די אסיגנאציע איז א פאלשע. ער האט דערגעהן דעם מיטגעמיילט דער פאליציי, וועלכע האט די פרוי, פאייגע לעווענטאל, ארעסטירט.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז די ארעסטירטע האט זיינע לענגערע צייט זיך פערנומען מיט פערשפרייטען פאלש געלד. געלטען איז באלד געקומען איהר פראצעס. די איז פער'משפט געווארען אויף 4 יאהר טורמע.

אפענער בריף.

אין צוזאמענהאנג מיט דער סקאנדאליעזער האנדלונג פון ה' יעקב גוטמאן בנוגע אונזער מיטגליד גלאנץ, האבען מיר זיך געווענדעט צום שידס-געריכט ביים קאנפעקציאנערן-פערבאנד, וועלכער האט בעשטימט אויף מיטוואך ד. 11 מאי דאס שידס-געריכט.

צוליב דעם אבער וואס ה' גוטמאן האט זיך צום שידס-געריכט נישט געשטעלט, נעמען מיר ארעט פון זיך די פעראנטווארטליכקייט פאר די ווייטערדיגע פאלגען.

די פערוואלטונג
פון מאגאזין-שניידער-מייסטער
(כאלופניקעס) אל. 1 מאי 2. — 121

קאמוניקאט.

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז אין ווארשאווער אפעלאציע-געריכט איז נעכטען פארגעקומען א פראצעס געגען ה' ד. ה. פאר נאכארבייטען די פאטענטירטע פעלד-בעטען „Palma - Patent" פון די בעוואוסטע פירמע שווארצאווסקי אין לאדז.

דער אורטייל פון געריכט וועלען מיר בעזונדערס מיטטיילען.

מיט דרך ארץ
שווארצאווסקי. — 1335

טעאטער און מוזיק.

א „נאכט פון ליבע" אין „סקאלא".

אין טעאטער „סקאלא" קומען איצט פאר רעפעטיציעס פון דעם נייעם אפערעטען-שלאגער „א נאכט פון ליבע", וואס ווערט אויפגעפיהרט שבת און זונטאג. די ראזינע אפערעטע איז געשפילט געווארען מיט גרויס ערפאלג אויף פיל אויראפעאישע בוהנעס. עס זענען ספעציעל געמאלט געווארען נייע דעקאראציעס. אין דער אויפפיהרונג בעטייליגט זיך דער גאנצער אנסאמבל פון דער טרופע מיט דעם ליבלינג פון לאדזער טעאטער-פובליקום, דעם בוף-קאמיקער פאלאקאוו בראש.

ביליגע פארשטעלונגען אין „אזאזעל".

היינט, דאנערשטאג, און מארגען, פרייטאג, שפילט „אזאזעל" אין סאליש. שבת נאכמיטאג און אין אווענד ווערט אין „פילהארמאניע" געגעבען דאס גלענצענדע 4. פראגראם צו ביליגע פרייזען.

ווערס'קען אנטלויפט איצט פון ליטא

דער מצב אין ליטא און די בעציהונגען פון די יודען צו דער איצטיגער מאכט.

רונא. (יטא) די מעג האט אין רונא געוויילט איינער פון די אנגעזעהענסטע יודישע פאלימיקער און געזעלשאפטליכע עסקים און ליטא, וועלכער האט אין א שמועס מיט'ן רונער יטא-קארעספאנדענט געגעבען א בילד פון דעם איצטיגען מצב אין ליטא, ווי אויך וועגען די בעציהונגען פון די יודען צו דער איצטיגער ליטווישער מאכט.

[illegible]

צייטונג „סאציאל-דעמאקראט" און אנגעשלאסען מיט גרויסע אנגאבען, וועלכע פערנעמען די אויסגעשטראלטע צעסמונקען (אבערלאזען לעגאלע שרעקטער און פערבאטען).

[illegible]

(שמעכער האט מען איהם פערבאטען די פוט-שמראף אויף איינער קאמערע) רעדפאר כלומר'שט, אז ער האט האבען ארגאניזירט אן איינשטאנד און דער ארמעע, א.ז.ו. פשוט'ע פראוואקאציע.

[illegible]

געווען פאלגענדע: די יודען האבען קיינמאל נישט פרעטענדירט אויף מאכט. זיי האבען פלויז געפאדערט רעכט. פל [illegible]

[illegible]

עס קלינגט שוין איז גאנץ לאדז,
אז אלער ארט ביטעם, פאדאניעס, רעקורסען, אפעלאציעס און אלע געריכטס-פינאנס-אדמיניסטראטיווע און קאמונאלע אינסטיטוציעס ווערען אמבעסטען, אמביליגסטען און אמשנעלסטען ערלעדיגט אין ביורא
„פאלאניא" אלעיא 1 מאי 7.
וויכטיגע בעמערקונג: טעגליך פון 5 ביז 7 ווערען ערטיילט עצות און אנווייזונגען אין אלע שטייער-אנגעלעגענהייטען דורך ה' לעאן שווייצער.
— איבערזעצונגען: האנדעלס- און פריוואט-קארעספאנדענץ, קאנטראקטען. —
פראטעסטירטע וועקסלען ווערען אנגענומען אויפצומאנען מיט אייגענע קאסטען.

לאדזער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר נעהמט-אן פון 6 ביז 7 אין אווענד.
ניט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען ניט צוריקגעשיקט.

"Lodzer Tageblat", Łódż, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16

טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

באוועטישע דעקלאראציע ...ף דער גענפער קאנפערענץ.

די פארשטעהערם פון סאוויעטען-פערבאנד אויף דער גענפער עקאנאמישער קאנפערענץ זענען געווען געטריי זיך אליין. זיי האבען ניט גע... זאגען עפעס אנדערש, ווי דאס, וואס זיי האבען געזאגט. אין קאמו... עקזיסטירען ניט קיין האלבקייטען און קיין פאליאטיווע רפואות. ער ... אויף אלע קשיות איין תירוץ:

דער גאנצער נארדיאן-פלאנטער פון די איצטיגע איראפאישע פראב... וועט וואלט ניט עקזיסטירט, ווען איראפא וואלט אנגענומען די קאמו... נישע טעאריע. ביי איהם עקזיסטירט ניט קיין גרעניץ-פראגע, קיין ...ה-פראגע, קיין מינדערהייט-פראגע, בכלל קיין שום אויסערליכע און ...רליכע פערפלאנטערנישען — אם אני כאן, הכל כאן.

אפילו די וועלט-מלחמה — זאגט סאקאלניקאוו — וואלט ניט אוים... בראכען, ווען דער סאציאלער פראבלעם וואלט קארדינאל געלעזט גע...רען.

ליינענדיג זיינע ווערטער, דוכט זיך, אז גאנץ איראפא, אלע איהרע ...סע און וויכטיגע קאפ-מענשען, זענען פשוט קליינע קינדער, וואס שפי... ...זיך אין צייכענס. צו וואס אזוי פיל בלוט-פערדארבונג איבער אזוינע ...ינקייטען, ווי עפעס א קארידאר, א קוהלען-באסיין, א צוגאנג צום ים, ...ר אנדערע אזוינע נישטיגקייטען, אז די גאנצע וועלט קען פערוואנ... ...ט ווערען אין א פערבאנד פון סאוויעטישע רעפובליקען און אלע זא... ...זיך פיהרען לויט'ן הלל-כלל, אז „וואס ס'איז דיר ניט בעקוועם זאל... אויך דעם חבר ניט טון".

אפשר איז דער דור נאך ניט ראוי?

אפשר קען די וועלט קיין מיום ניט האבען אהן פריוואטער איני... ...ציוו? אהן נאציאנאלער קאנקורענץ? האט איהר דאך סאוויעטען-רוס... ...ר פאר א לעבעדיגען מוסטער!..

אי, דארט איז דער האנדעל פאראליזירט, די אינדוסטריע אטראפירט, ...שען געהען אין שמאטעס, די ליטעראטור, די קונסט, ווי אבגעמעקט ...פערווישט? נו, אויף די דאזיגע אלע קשיות איז אויך פארהאן א ...ן ...ץ: דער קארדאן. ראבינזאן קרוזא האט אויפ'ן איינזאמען אינזעל ניט ...טט מיט איינציגע הענד זיך איינשאפען אלע דערגרייכונגען פון דער ...וויזענד-יעהריגער מענשליכער ציוויליזאציע.

אזוי און ניט אנדערש האט געקענט רעדען דער סאוויעטישער ...וגאט. ער האט ניט געקענט קומען, ווי אלע דעלעגאטען, מיט פא... ...נגען פון זיין נאציע, פון זיין טעריטאריע, נאר מיט.... קאמוניסטישער ...אגאנדע.

ווייל דאס איז זיין סטיכיע, די אטמאספערע, אין וועלכער זיין כח ...מט.

און דאך האט איז זיינע רייד געקלונגען עפעס א נייע נאטע, יענע ..., וואס דערנעהנטערט זיך צו א אוניסאן אינ'ם פעלקער-קאנצערט. ...האט געזאגט, אז ניט קוקענדיג אויפ'ן תהום, וואס צושיידט דעם ...יעטען-פערבאנד מיט דער איבעריגער וועלט, איז פונדעסטוועגען ...יך א מיטארבייטערשאפט.

ביז איצט האט ענגלאנד, פראנקרייך, אמעריקא און אויך אנדערע ...ער געמוזט זיך איזאלירען פון רוסלאנד דערפאר, ווייל איהרע פאר... ...הערם האבען זיך פערנומען ניט אזוי פיל מיט די האנדעלם-בעצי... ...ען, ווי מיט פאליטישער אגיטאציע.

איצט, ווייזט אוים, וויל זיך רוסלאנד אבזאגען פון דער טראדיציע. ...סטאביליזאציע פונ'ם דעמאקראטישען רעזשים אין דער גאנצער וועלט ...שוין, אפנים, בולט אויך פאר איהר, און זי האט שוין פערלוירען די ...ונג אויף א גיכער סאציאלער רעוואלוציע אין דער גאנצער וועלט.

...איז ער, דער דעלעגאט, שוין מוחל איראפא איהרע קינדערשע ...עס. ער איז גרייט אפילו אליין אויך אריינצוגעהן אין דעם שפיל, אבי ... איהם אריינעמען אין קאמפאניע.

...איז אבער ערשט א שאלה, צי איראפא וועט דערויף מסכים זיין. ...ווארום צווישען די דאזיגע צאצקעלעך געפינען זיך אזוינע, ווי למשל, ...ער'מלחמה'דיגע חובות פון רוסלאנד, דער אלגעמיינער מיליטאריזם, ...נטערהענץ אין כינא וכדומה.

כדי צו הכר'ן זיך מיט'ן סאוויעטען-פערבאנד, וואלט איראפא פריהער ...געמוזט בעזייטיגען אט די דאזיגע שפיל-צאצקעלעך, אבער דאס קען ... געמאלט זיין אהן דעם ראדיקאלען ענדגילטיגען אלגעמיינעם תירוץ ...אלע קשיות.

און דאס, וואס זעהט אוים אין פלוג אזוי פשוט, שטעהט ווידער ...אונז אין זיין מורא'דיגען פלאנטער, פון וועלכען ס'זעהט זיך נארנישט ...ס קיין אבוויקלונג.

פ. ה.

...נטראל-פערוואלטונג פון „אזעט" אין מאסקווע
...רעדט דורך ראדיא מיט יודישע איבערוואנדערער אין בערסאן.

מאסקווא. (יא) דעם 5. מאי האט ...נטראלע פערוואלטונג פון „אזעט" ...אסקווא אין דער פערזאן פון איהר ...זיצענדען ראשקעס, צום ערש... ...אל גערעדט דורך ראדיא מיט די ... איבערוואנדערער אין בערסאן דורך דעם ראדיא-אויפנעמער, וואס איז אויפגעשטעלט געווארען אין בערסאנער איבערוואנדערער-הויז. די רעדע אין יודיש איז גלייכצייטיג געהערט געווארען אין גאנצען ראטען-פערבאנד און איז גלייך איבערזעצט געווארען אין רוסיש.

יודישע נייעס.

גרויסע פייערונג אויפ'ן קבר פון מאנטעפיארעס פריינד ד"ר האדזשקין אין ארץ-ישראל.

ירושלים. (יטא) אויפ'ן קבר פון ד"ר האדזשקין אין יפו האבען זיך פערזאמעלט פארשטעהער פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג, פון געזונדהייטס-דע-פארטאמענט, פון דאקטוירים-פערבאנד, פון ציוניסטישען עקזעקוטיוו אין ארץ-ישראל, „הדסה", „ועד הלאומי", פון שטאט-ראט אין תל-אביב, ווי אויך אנדערע אינסטיטוציעס, כדי צו בעעהרען דאס אנדענקען פון משה מאנטעפיארע'ס לאנג-יעהריגען פריינד און דאקטאר, וואס איז געשטארבען אין ארץ-ישראל אין יאהר 1866. אין יענער צייט איז אין ארץ-ישראל אויסגעבראכען אן עפי-דעמיע פון כאלערע און עס האט גע-הערשט א שרעקליכע נויט צוליב דער שלעכטער גערעטעניש און די פערניכ-טונג, וואס די היישעריקען האבען גע-מאכט. דער „ועד הקהל" אין ענגלאנד האט, לויט דער איניציאטיווע פון סער משה מאנטעפיארע, ארגאניזירט א הילפס-אקציע פאר די ארץ-ישראל-יודען און ד"ר האדזשקין איז דעמאלט געקו-מען קיין ארץ-ישראל אין שליחות פון ענגלישען יודענטום און איז געשטארבען בעת ערפילען זיינע פליכטען.

אויפ'ן קבר פון צאפערווילינגען יודי-שען עסקן זענען געלעגט געווארען קרענץ אין נאמען פון די אלע אינסטיטוציעס, וואס האבען צוגעשיקט זייערע פארשטע-העך צו דער פייערונג. פראפ. ליבמאן פון ניו-יארק האט געהאלטען א רעדע בעת דער פייערונג.

ציוניסטישע באנק אין בוקארעסט.

בוקארעשט. (יטא) לויט דער אי-ניציאטיווע פון דער ציוני. דעמאקראטי-שער פראקציע „רענאשטעריא" איז דא געגרינדעט געווארען א קאאפעראטיווע באנק „אונזער קרעדיט", וואס האט דעם צוועק צו געבען ביליגען קרעדיט יודי-שע בעלי-מלאכות, קליינע סוחרים און מענשען פון פרייע פראפעסיעס.

פייערונג פון 50-יעהריגען יובי-לעאום פון יודישען טעאטער.

מאסקווא. (יטא) אין אדעס איז מיט גרוים פאראד געפייערט געווארען דער 50-יעהריגער יובילעאום פון יודי-שען טעאטער. אויף דער פייערונג זענען ארויסגעטרעטען מיט רעדעס פארשטע-הער פון שטאטישען סאוויעט, פון ביל-דונגס-קאמיסאריאט, פון ארבייטער-אר-גאניזאציעס געזעלשאפטליכע ארגאניזא-ציעס און פון פיל טעאטערן.

די קבורה פון א גלח אויף א יודישן בית עולם.

ווי אזוי ס'איז געקומען צו דער אויסטערלישער פאסירונג. — מען וויל שטעלען א קריסט-ליכע מצבה אויפ'ן יודישן בית-עלמין. — די מח"לוקה וועגען דעם מיט דער יודישער קהלה. — ענגלישער בישאף, פעטער פון גע'שמד'טן גלח, טענה'ט זיך אוים מיט ראשי קהל אויף יודיש. — די מורא פאר ווייטערע קאנפליקטען.

(א בריף פון וויען. ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט").

פון מ. א. טענענבלאט.

אין וויען האט מען זיך אצינד דער-וואוסט פון אן'אויסטערלישער פאסירונג אין דער יודישער קהלה פון זאלצבורג. עס איז שוין זעלטענער פאל, וואס איז נאך ניט פארגעקומען אין קיין שום יודישער קהלה אויף דער גאנצער וועלט און הגם די מעשה איז שוין אלט עטליכע יאהר, האט מען נאך אלץ מורא פאר א דיפלאמאטישען פלאנטער מיט געוויסע קאטוילישע מאכט-קרייזען אין ענגלאנד, און אפשר גאר טאקע מיט'ן וואטיקאן אין רוים גופא.

אויפ'ן זאלצבורגער יודישען בית הקברות אין שכנות'דיגען דארף אייגען, האט מען פלוצלונג אויסגעפונען, אז אין איינעם פון די קברים ליגט בעגראבען א קאטוילישער גלח. דער קבר שטעהט אהן א מצבה און די זאלצבורגער חברה קדישא קען זיך ביז היינטיגען טאג מיט דעם קבר קיין עצה ניט געבען. אין דער קברים-רשימה איז פאראן א צייכען „קבר נומער 6" אין גרופע א'. אבער צווישען די מתים-מעטריקעס פון דער קהלה געפינט זיך דער געשטארבענער גלח איבערהויפט ניט פערצייכענט. ווייזט אוים, אז מען איז שוין דעמאלט געווען אין השד, צו דער מת איז א יוד און מען האט איהם נאר צייטווייליג מקבר געווען אויפ'ן יודישען בית עולם.

אין די לעצטע טעג האט מען זיך אפיציעל דערוואוסט פון זאלצבורגער חברה-קדישא פרעזידיום. די גאנצע מערקווירדיגע געשיכטע פון דאזיגען מיסטעריעזען גלח-קבר אויפ'ן יודישען בית החיים. אין דער חברה קדישא דער-מאהנט מען זיך נאך זעהר גענוי איבער אלע פרטים פון דאזיגען מיסטעריום.

מיט עטליכע יאהר צוריק אין דער פארשטעהער פון דער זאלצבורגער קהלה פערשטענדיגט געווארען דורך דער דארטיגער פאליציי, אז אין דער שטאטישער טויטען-קאמער ליגט אן-אומבאקאנטער יודישער מת. לויט דעם אויסערליכען אויסזעהן און לויט די דא-קומענטען, וואס מען האט ביי איהם געפונען, ווייזט אוים, אז דאס איז אן-אויסלענדישער יודישער רייזענדער, וועלכער איז דא פלוצלינג געשטארבען. מען האט אין זיינע קעשענעס געפונען א פאספארט אויפ'ן נאמען לעאן צוקער, א באהן-בילעט אויף צווייטען קלאס און א געוויסען סכום געלד אין אויסלענדי-שע וואלוטע. דער זאלצבורגער ראש הקהל האט געלאזט אנקוקען דעם מת נאקעטערהייד און פעסטגעשטעלט, סיי לויט דער פיזיאנאמיע, סיי לויט אנדערע סמנים, אז דאס מוז זיין א יוד, האט די חברה קדישא איבערגענומען די קבורה אויף איהר חשבון אויפ'ן יודי-שען בית-עולם. מען האט נאר געמאכט מיט'ן מאגיסטראט א געוויסען פראטא-קאל, שיצענדיג די יודישע קהלה געגען אינאנגענעהמע קאנסעקווענצען, ווען מען זאל שפעטער אויס-געפונען. אז דער מת איז ניט געוועזען קיין יוד, נאר גאר א מוסולמאנער, אדער פון וועלכער ניט איז אנדערער רעליגיעזער סעקטע.

אבער שוין עטליכע חדשים שפעטער איז געקומען א גאנץ מערקווירדיגע איבערראשונג. פאר'ן הויז פון ראש הקהל האט זיך אבגעשטעלט א זעהר זעלטענער קאטש און אויסגעשטיגען איז א קאטוילישער בישאף, וועלכער האט זיך אויף ענגליש געפרעגט צום פארשטעהער פון דער יודישער קהלה.

דאס בעגעגעניש איז דעם ראש הקהל געהען זעהר ניט אנגענעהם. דער בישאף האט זיך פארגעשטעלט מיט'ן נאמען איזאקסאן מיט דער ערקלערונג, אז דער פערשטארבענער לעאן צוקער איז געווען זיינער א פעטער. ער איז אמת געווען א געבוירענער יוד, אבער אין ענגלאנד האט ער זיך געשמדט ביי א קאטוילישער סעקטע, וועלכע האט גאר די איינציגע אויפגאבע צו פערשפרייטען די קריסטליכע מיסיאן צווישען יודען און טאקע איז דאס ווענין, האט דער בישאף זיך אליין פארגעשטעלט מיט דא-קומענטען אלס בישאף פון דער קאטוי-לישער מיסיאן אין ענגלאנד. נאכהייזענ-דיג, אז לעאן צוקער איז געהען א גע-הייליגטער פריסטער טאקע אין רוים אליין. ער איז געווען א בעריהמטער רעדנער און איז א מאל געהען אן'עלד אין יודישע למודים. אויך איהם אליין. דעם בישאף, האט לעאן צוקער איבער-גערעדט צו שמד און זיין גאנצע קא-ריערע האט ער צו פערדאנקען זיין „גרויסען" פעטער.

פערשטעהט זיך, אז די מעשה איז געווארען זעהר פיקרע דעם ראש הקהל פון זאלצבורג. מילא די דאקומענטען און דאס געלד האט די קהלה באלד אבגעגעבען דעם בישאף, אבער ארום דער פראגע וואס זאל אצינד געשעהן מיט'ן יודישען קבר פון געהייליגטען קאטוילישען פריסטער האט מען זיך דאן געאמפערט פיל וואכען. די זאלצבורגער יודישע קהלה האט ערקלערט, אז די קען מסכים זיין צו אלעמען: איבערלא-זען דעם קבר אויפ'ן יודישען בית-עולם, אדער ערלויבען די עקזהומירונג צו יעדער צייט, ווען דער בישאף וועט דאס פערלאנגען. אבער די קהלה קען בשום אופן ניט בעוויליגען, מען זאל אנידערשטעלען א קריסטליכע מצבה מיט צלמים אויפ'ן יודישען בית הקברות.

און ארום דעם דאזיגען לעצטען פונקט איז בעגאנגען די שטארקסטע מחלוקת. אין די לאנגע פערהאנדלונגען איז געווען דאס קאמישסטע, וואס דער ראש הקהל האט ניט פערשטאנען קיין ענגליש און דער בישאף פון ווייטשעפעל האט ניט געקענט קיין דייטש. הצבען זיך די ביידע שארפע געגנער פערשטענ-דיגט אויף יודיש—מאמע לשון, וואס דער בישאף האט בעהערשט ווירקליך, ווי א מוטער-שפראך; בעת דער ראש הקהל האט זיך געהאלפען מעהר מיט א דייטשען זשארגאן.

דער בישאף האט פרובירט מיט גוטען און מיט שלעכטען איבעררעדען דער קהלה וועגען דער מצבה און אזוי ווי די יודישע געמיינדע האט ערקלערט אבסאלוט, אז זי וועט קיינמאל אזעלכעס ניט ערלויבען, איז דער בישאף אבגע-פאהרען א ברוגז'ער פון זאלצבורג, ער-קלערענדיג, אז ער וועט אין לאנדאן נאכקלערען, וואס צו טון, כדי ער זאל דורכזעצען זיין פאדערונג.

דערווייל זענען אריבער היבשע עט-ליכע יאהר און דער בישאף האט זיך ביז היינט ניט געמעלדען. ער האט זיך אפשר אין לאנדאן ביי אדוואקאטען אינפארמירט, אז דורכ'ן פראטאקאל פון דער זאלצבורגער קהלה מיט'ן מאגי-סטראט קען מען ניט אזוי גלאט צוטי-גען דער קהלה צו א בעוויליגונג פון א קריסטליכער מצבה צווישען לויטער יו-דישע קברים אויף א ריין יודישען בית עולם. און אויך אנפיהרען א משפט מיט דער קהלה קען זיך דער בישאף פון יודישער אבשטאמונג א פנים דאך ניט ענטשליסען.

און אזוי איז געבליבען אויפ'ן איינגע-נעם בית עלמין פון זאלצבורג דער קבר פון א גלח, וועלכען מען דערקענט תיכף דאדורך, וואס ער איז דער איינ-ציגער פער'יתומ'טער קבר אהן א מצבה. די זאלצבורגער קהלה האט אבער ניט קיין רוה. זי וואלט גערן געוואלט פטור ווערען פון דאזיגען קבר. מורא האבענ-דיג, עס זאל זיך אמאל דאך ניט פערגלוסטען דעם וואטיקאן צו פערפיה-רען א פראצעס מיט א יודישער קהלה וועגען דער דאזיגער אומגעוועהנליכער מצבה. (יש"א)

פסח אין ניו-יארק

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט").

פון ב. כמאליאר.

צוויי מאל אין יאהר פיהלט מען זיך אין ניו-יארק, ווי אין א קליין יודיש שטעטעל אין פוילען: די וואך פון ערב-פסח און די ימים נוראים.

קומט די וואך פון ערב-פסח, הויבט אן שוויבלען און גריבלען אין ניו-יארק מיט יודישקייט. מצות, וויין און אנדע-רע פסח'דיגע ארטיקלען ווערען דער הויפט-פונקט פון געשפרעך, סיי אין דער יודישער פרעסע און סיי אין גאס.

וואו מען טוט נאר א ווארף מיט דעם אויג, זעהט מען גרויסע אנאנסען פון „כשר לפסח"-ארטיקלען. די דאזיגע אנאנסען טרעפט איהר ניט בלויז אויף דער יודישער איסט סייד, נאר אפילו ווען איהר פאהרט אין דער אונטער-ערדישער באהן אויפ'ן לופט-באהן.

און קומט איהר ארוים אויף דער איסט סייד, פארגעסט איהר גאר אינגאנ-צען, אז איהר זענט אין אמעריקא. דארט פיהלט זיך דאס אריינברענגען פון פסח אין דער יודישער היים פונקט אקוראט ווי דאס אנקומען פון פסח האט זיך געפיהלט אין דער אלטער היים ביי אייך. ווייבער זענען פערנומען מיט לופטערען זייערע קישענס, מיט שייערען זייערע קיכען, מיט איינקויפען פסח'דיגע געשיר, מיט ארויסטראגען די ספרים, זיי זאלען זיך לופטערען אין דרויסען, מיט פערזארגען זיך אויף פסח ניט בלויז מיט מצות, נאר אויך מיט חרוסת און אפילו מיט בוריקעס פאר פסח'דיגען בארשט.

עס איז א מחיה ארומצושפאצירען אן'ערב פסח'דיגען טאג איבער דער ניו-יארקער יודישער גטא. איהר דער-מאהנט זיך אין דער אלטער היים מיט דעם טראדיציאנעלען אופן, אויף וועל-כען דער פסח איז אריינגעבראכט גע-ווארען אין יודישע הייזער. די גאנצע ערב פסח'דיגע עמיגראציע פון דער אלטער היים פיהלט איהר דא, אויף דער איסט סייד. דעם גאנצען ערב פסח'דיגען טומל לעבט איהר דא איבער.

דאס איינציגע, וואס עס פעהלט אין ניו-יארק צו דערגענצען דאס בילד פון דעם פסח אין דער אלטער היים, איז דער טרעגער מיט דעם קויש מצות. פערשטעהט זיך, אז אין אמעריקא, וואו אלעס ווערט געמאכט דורך מאשינען און אויף א ברייטען האנדעלס-מאסשטאב, קען ניט זיין קיין רייד וועגען בעזאר-גען זיך מיט גאנצע קוישען מצות אויף פסח. מען קריגט די מצות יעדען טאג פריש אין די שפייז-קראמען, טא, צו וואס זיך זאפאסען מיט מצות אויף א גאנץ פסח?

און יענע, וואס מיינען, אז אין ניו-יארק זענען ניט פאראן קיין טויזענ-דער יודען, וואס פראווען דעם סדר מיט אלע טראדיציאנעלע צערעמאניעס, לויט ווי דאס ווערט געטון אין דער אלטער היים, האבען אויך א טעות. איהר דארפט זיך דורכשפאצירען א פסח-אוונט איבער בראנזוויל, אדער איבער טיילען פון ברוקלין, און איהר וועט הערען דורך די אפענע פענסטער די גע-זאנגען, וואס צוטראגען זיך איבער די הגדות, און וועלכע לאזען זיך הערען פון די יודישע הייזער. מען פראוועט נאך אן'ארטאדאקסישען סדר אין ניו-יארק. מען פרעגט נאך די פיר קשיות, און מען טרינקט נאך די ארבע כוסות, לויט אלע דינים פון שלחן-ערוך.

סדרים ווערען אויך אין ניו-יארק איינגעארדענט דורך פערשידענע יודי-שע אינסטיטוציעס. דאס זענען אזוי גע-רופענע „גרופען-סדרים", וואו מענשען, וואס האבען ניט וואו צו פערברענגען פסח קומען זיך צונויף אין פראווען דעם סדר צוזאמען. די „האיאס" אין ניו-יארק איז איינע פון יענע אינסטי-טוציעס, וואס האבען שוין א טראדיציע פאר אזעלכע סדרים. אנדערע יודישע הילפס-ארגאניזאציעס זענען אויך בע-וואוסט מיט זייער סדר-טראדיציע.

אויב מען וויל, אדער ניט, מוז מען אנגעשטעקט ווערען מיט דער פסח-אט מאספערע, ווען מען וואוינט אין ניו-יארק. אפילו די עכט-אסימילירטע יודען ווערען, אויף זייער שטייגער, אנגע-שטעקט מיט דער דאזיגער אטמאספערע. עס געהען זיי אפשר וויניג אן די הגדות, אבער מיט די קניידלעך ווילען זיי זיך ניט שיידען, כאטש זיי קענען האבען די קניידלעך א גאנץ קיילעכדיג יאהר.

סטודענטען - ארגאניזאציעס, יודישע פאליציאנטען, פענשען, וואס האבען סתם ניט קיין שטענדיגע היימען, — אלע פראווען זיי זייערע „גרופען-סדרים" אין ניו-יארק. אפילו אויף עליס איילאנד ווערען די דאזיגע גרופען סדרים גע-פראוועט.

ווען עמיצער פון דער אלטער היים זאל אנקומען קיין אמעריקא, פונקט ערב פסח און זאל אריינפאלען אין יו-דישען ניו-יארק, וואלט ער געמיינט, אז יודישע מנהגים און טראדיציעס זענען נאך ניט אין אמעריקא אפגעשטארבען. שפעטער וואלט ער זיין מיינונג מסתמא געענדערט, אבער דער פסח, ווי אזוי ער ווערט געפייערט אין ניו-יארק, וואלט איהם זיכער בערעכטיגט אזוי צו קלע-רען.

צוויי מאל אין יאהר פיהלט מען זיך אין ניו-יארק, ווי אין א יודיש שטעטעל אין איראפא: פסח און ימים נוראים. מען קען ניט זאגען דאס זעלבע וועגען אזעלכע שטעדט ווי שיקאגא, דעטראיט, אדער אנדערע שטעדט פון דער וועסט, וועגען ניו-יארק אבער מעג מען עס זי-כער זאגען. דער דופק פון ניו-יארקער יודענטום קלאפט מעהר די דאזיגע צוויי מאל שטארקער ווי אין אלע טעג פון א גאנצן יאהר.

פּוילישער אויטאָנאָמער ראַיאָן אין אוקראַינע.

וועגן דעם נײַ־געשאַפֿענעם פּוילישן אויטאָנאָמען ראַיאָן אין אוקראַינע, געפֿינען מיר אין דער „עמאָקסע" איינציגע אינטערעסאַנטע דאַטען.

דער פּוילישער ראַיאָן באַשטייט פֿון 50 גמינעס אין דרום־אוקראַינע. הגם ס'איז שווער געווען אויסצוטײַלן אַ שטח מיט אַ ריין פּוילישער באַפֿעלקערונג, איז פֿונדעסטוועגן געלונגען צו שאַפֿן אַ קליינעם אויטאָנאָמען ראַיאָן.

דעם 18. מערץ איז פֿאָרגעקומען אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון די דאָרפֿס־ראַטן אין פּוילישן ראַיאָן אויף מאַרכלעווסקי'ס נאָמען. מצד דעם פּועלישן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אין צוזאַמענפֿאָר באַטייליקט דאָמבאַל.

אויפֿ'ן צוזאַמענפֿאָר זענען געווען 78 דעלעגאַטן, פֿון זיי פּאָלאַקן 77 פּראָצ., אוקראַינער 13 פּראָצ. יידן און דײַטשן צו 4 פּראָצ., ווי אויך רוסן און טשעכן צו 1 פּראָצענט.

דער שטח פֿון מאַרכלעווסקי'ס ראַיאָן פֿאַרנעמט בערך 620 וויאָרסט, אין וועלכע עס געפֿינען זיך 108 ישובֿים אַראָנזשירט אין 33 פּאָסעלים־ראַטן, דערפֿון פּוילישע — 29, אוקראַינישע 2 און דײַטשע 2.

בסך הכּל זענען אין ראַיאָן פֿאַראַן 7.861 קליינע דאָרפֿישע ווירטשאַפֿטן. שולן זענען פֿאַראַן 29, פֿון זיי פּוילישע 27, איין אוקראַינישע און איין דײַטשע.

אין די דאָזיקע שולן לערנען זיך 2.439 קינדער אין עלטער פֿון 8 יאָהר. לעהרערס זענען פֿאַראַן 45.

מיט דער קולטורעלער טעטיקייט פֿון אויטאָנאָמען ראַיאָן פֿירט אָן די פֿרוי פֿון פֿאַרשטאָרבענעם סאָוועטישן קאָמיסאַר דזשערדזשינסקי, מיט דער ווירטשאַפֿטלעכער — געוועזענער פּוילישער סיים־דעפּוטאַט דאָמבאַל.

נישט אויפֿן טראַהן, נאָר אין חדר.

דער זיהוי פֿון עקס־קייזער קאַראָל האַלט נישט בײַ ווערן קעניג אין אונגאַרן. ער האָט זיך דערוויל נאָך עפּעס אויסצולערנן.

די קלאַנגען, וואָס זענען לעצטנס פֿאַרשפּרייט געוואָרן וועגן דעם, אַז די געוועזענע עסטרייכישע קעניגין ציטאַ זאָל זיך האָבן בדעה צו באַזעצן אין בודאַפּעשט כּדי אויף דער פֿאָדערונג פֿון די מאָנאַרכיסטן צו קרוינען איהר זוהן אָטאָ אַלס אונגאַרישן קעניג, האָבן אַרויסגערופֿן אַ גרויסע סענסאַציע אָן אָרטע אין דער אויסלענדישער פּרעסע.

פּירשט יוזעף חוניאַדי, וואָס איז אַנאָהענטער פֿרײַנד פֿון די האַבסבורגס און באַזונדערס פֿון דער עקס־קייזערין, האָט די טעג אָפּגעגעבן פֿאַר אַ מיטאַרבײַטער פֿון דער „ווינער נײַע פֿרײַע פּרעסע" פֿאָלגענדע ערקלערונג וועגן דעם ענין.

די ידיעה, האָט דער פּירשט געזאָגט, וועגן באַשטייגן דעם אונגאַרישן טראָהן דורכ'ן זוהן פֿון עקס־קייזער קאַרל „אָטאָ" וואָס האָט געזאָלט אָנגעהן אַלס חיכּוּיגע רעוואָלוציע, איז ניט מעהר ווי אַ אויסגעטראַכטע בבא־מעשה.

שוין זײַט אַ לענגערער צײַט ווערן פֿאַרשפּרייט פֿאַרשידענע רכילות וועגן דער עקס־קייזערין, וואָס באַאונרוהיגן בלויז די עפֿענטליכע מיינונג און ווערן ווײַזט אויס פֿאַבריצירט פֿאַר גוט געלד דורך אײַנעם, וואָס שטעהט נאָהענט צו דער קייזערין.

אמת איז בלויז, אַז די עקס־קייזערין האָט זיך לעצטנס מיט מיר בעראַטן, בעת מײַן בעזוך אין לעקוויטאָ, ווי אַזוי בעסער אַדורכצופֿיהרען די צוואה פֿונ'ם פֿאַרשטאָרבענעם עקס־קייזער קאַראָל, וואָס האָט בפֿירוש ערקלערט, אַז ער וויל זײַן זוהן זאָל געהן אין אַ גימנאַזיום וואו ער וועט בעקומען אין בעריהרונג מיט

דער יוגענד און וועט זיך אָנגעוואוינען מיט דעמאָקראַטישן גײַסט.

איך האָב דעריבער געראַטן דעם עקס־קייזערין, איבערצוגעבן דעם זוהן אין דער בענעדיקטינער־אַנשטאַלט אַלס ערשט־ראַנגיגער ערציהונגס־אינטערנאַט. די למודים ווערן דאָרט געלערנט אין די דײַטשע און פֿראַנצויזישע שפּראַכן און עס ווערט אויך גרויס אַכט געלעגט אויף דער אַלגעמײַנער בילדונג און פֿיזישער ערציהונג פֿונ'ם תּלמיד.

די עקס־קייזערין האָט געפֿאָלגט מײַן ראַט, בעזונדערס דערפֿאַר, וואָס איהר ברודער פּירשט פֿעליקס פּאַרמאַ וואוינט אין לוקסעמבורג און וועט תּמיד קענען האָבן אויפֿזוכט איבער דער ערציהונג פֿון זײַן שוועסטערן־זוהן. חוץ מזה האָט פּירשט פּאַרמאַ פֿאַרשפּראָכן פֿינאַנציעלע הילף ביז ווי לאַנג אָטאָ וועט נישט ענדערען זײַנע שטודיום.

אַט די אַלע אַרגומענטן האָבן דעצידירט, אַז אָטאָ איז אָפּגעפֿיהרט געוואָרן קײַן לוקסעמבורג, די עקס־קייזערין האָט אויף צוריקוועגס אָפּגעשטעלט בײַ איהר שוועסטער אין דרום־פֿראַנקרײַך און פֿון דאָרט קעהרט זי זיך אום גלײַך קײַן לעקיטאָ, וואו זי וואוינט שטענדיג.

די דאָזיגע ערקלערונג פֿונ'ם פּירשט חיניאַדי וועט ווײַזט אויס שוין בערוהיגן די געמיטער פֿון די אונגאַרישע מאָנאַרכיסטן וואָס וועלען מוזן מסכּים זײַן צוצוואַרטן נאָך אַביסעל ביז אָטאָ וועט פֿאַרענדיגען זײַן שטודיום, און ערשט דאַן איהם מזכּה זײַן, אויב זיי וועלן קענען פֿאַרשטעהן זיך מיט'ן אונגאַרישן טראָהן.

וויפֿיל מעז פֿאַרדינט אין אמעריקא אין איין מינוט.

דער סעקרעטאַר פֿון זײַגער־מאַכער־פֿעראײַן אין פֿילאַדעלפֿיע ה' האָיס האָט בערעכנט, אַז דער דורכשניטליכער לוין פֿון אַן אַמעריקאַנישן אַרבײַטער בעטרעפֿט $1^1/_2$ סענט אַ מינוט. (90 סענט אַ שעה אָדער בערעכנט אין זלאָטעס לויט'ן קורס פֿון 9 זלאָטעס אַ דאָלאַר, 8 זלאָטעס מיט 10 גר. אַ שעה).

און ווי זעהען אויס די פֿאַרדינסטן פֿון גײַסטיגע אַרבײַטער צו אַזוינע, וואָס פֿאַרנעמען וויכטיגע געזעלשאַפֿטליכע אַמטן? לויט די אויסרעכנונגען פֿונ'ם דערמאָנטן סעקרעטאַר בעקומט פּרעזידענט קולידוש 50 סענט אַ מינוט אָבער דער פֿילם־שטערן גלאָריאַ סוואַנסאָן פֿאַרדינט נישט ווייניגער ווי 7 דאָלאַר מיט 40 סענט אַ מינוט, בײַ אַ אַכט שעה'דיגען אַרבײַטס־טאָג.

די דירעקטאָרן פֿון באַהן־אונטערנעמונגען, באַנקען און פֿערזיכערונגס־געזעלשאַפֿטען א. א. האָבן 60—50 סענט פֿאַר אַ מינוט, וואָס עס איז אַ גאָרנישט לגבי דעם פֿאַרדינסט פֿון די פֿילם־אַרטיסטן ווי למשל, פֿאַרבאַנקס און טשאַפּלין, וועלכע בעקומען 11 סענט פֿאַר יעדע סעקונדע צי 6,67 פֿאַר אַ מינוט.

נישט קוקענדיג אָבער אויף די הויכע אַרבײַטס־לוינען, זענען פֿונדעסטוועגן אין אַמעריקאַ גופֿא אויך פֿאַראַן אַרבײַטסלאָזע און אָרימע, וואָס האָבן קײַן שטיקל ברויט נישט צו דער זעט.

לעזט, אַבאָנירט
— דאָס —
„לאָדזער טאָגעבלאַט".

יעקב פראַנק
דער פֿערפֿיהרער פֿון די פּוילישע יודן

היסטאָרישע שילדערונג

— פֿון —
גרשם באַדער.

(פֿאָרטזעצונג)

פֿיל גערעדט אין פֿראַנק'ס מחנה איז אויך דעמאָלט געוואָרן וועגן אַ געוויסען זקן מיט'ן נאָמען אלישע פֿון אַלשאַנין. וואָס מען איז נאָך נישט ביז היינט דערגאַנגען, ווער איז וואָס דער דאָזיגער פֿאַרשוין איז געווען. פֿראַנק פֿלעגט וועגען איהם רעדען, ווי וועגן זײַן קאַסע־פֿערוואַלטער, וועלכער האָט אונטער זײַן האַנד זיבען אוצרות געלד מיט 10 טויזענד מיליאָן רענדלעך, וואָס פֿראַנק אַליין קען זיי פֿון איהם נישט אַרויסקריגען, נור ער מוז שיקען אַנדערע מענשען, אָפּצונעמען בײַ אלישע'ן יענע גרויסע אוצרות. אויסערדעם איז יענער אלישע דער „ממונה" איבער'ן לעבען, איבער'ן מענשליכן כּח, איבער חכמה און איבער שעהנהײַט. אין דער הייהל, וואו אלישע וואוינט — פֿלעגט פֿראַנק זאָגען צו זײַנע מענשען — דאַרפֿען די פֿראַנקיסטן בעגראָבען זײַערע טויטע און אָרט וויל אויך ער אַליין בעגראָבען ווערען.

בײַ אַנ'אַנדערער געלעגענהײַט האָט פֿראַנק געזאָגט, אַז ער וואָלט גערן עמיצען געשיקט צו יענעם אלישע. וואָלט אָבער דער שליח געמוזט דעם אלישע זוכען אין אַלעמען, ווען ער זאָל איהם אַפֿילו פֿיהרען דורך אַלע ימים, דורכ'ן שוואַרצען ים, דורכ'ן ווײַסען ים און דורכ'ן רויטען ים. אין איין פֿערטעל שעה וואָלט ער מיט דעם שליח געלאָזן 500 מײַל און וואָלט איהם אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים פֿאַר'ן „גאָלדענעם מענש", וואָס איז אינגאַנצען פֿון גאָלד, נישט ווי נבוכדנצר, וועלכער האָט בלויז אַ קאָפּ פֿון גאָלד.

שפּעטער האָט פֿראַנק גערעדט וועגען זײַן צוקינפֿטיגער בעפֿרײַאונג און ער האָט געזאָגט צו זײַנע מענשען: „איידער איך וועל אַרויסקומען פֿון דער פֿעסטונג, וועל איך אײַך שיקען דורך יענער הייהל צו אַנ'אָרט, וואָס די וועלט ווייסט גאָרנישט פֿון איהם, וועט איהר מיר פֿון דאָרט ברענגען וואָגענס, בעצירט מיט די טײַערסטע עדעלשטײַנער און יעדער וואָגען וועט זײַן אײַנגעשפּאַנט אין זעקס פֿערד. די וואָגענס און זײַערע כּלים וועלען זײַן פֿון זילבער און גאָלד. בײַ די וואָגענס פֿון גאָלד וועלען די פֿערד זײַן אָנגעטון אין גאָלד און בײַ די וואָגענס פֿון זילבער וועלען די פֿערד זײַן אָנגעטון אין זילבער. אַט די אַלע וואָגענס וועל איך הײַסען ברענגען ביז צו אונזער פֿעסטונג, וועט דאָס די וועלט זעהען און וועט זיך וואונדערן. וועט דאָ קומען אַ מאַן, וואָס וועט אויפֿפֿרײַסלען די טויערען פֿון דער פֿעסטונג מיט זײַן האַנד, וועט די טויער אײַנפֿאַלען און קיינער וועט נישט וויסען, וואו זי איז אַהינגעקומען. דעמאָלט וועט קומען מײַן בעפֿרײַאונג, און טאַמער וועט דערנאָך קומען עפּיס אַ קעניגעל מיט אַ צוויי־דרײַ טויזענד סאָלדאַטן, וועט איהם יענער מאַן אַ וואַרף טון אין דער לופֿט"...

דערווײַל איז פֿראַנק'ס טאָכטער אונטערגעוואַקסען צו זעהר אַ שעהן מיידעל וועלכע איז שוין לויט די דעמאָלסדיגע בעגריפֿען רײַף געווען צום הייראַטען — און אַזוי ווי דער טשענסטאָכאָווער קלויסטער איז אויסגעבויט צו עהרען פֿון דער „הייליגער יונגפֿרוי", האָט פֿראַנק אָנגעהויבען אַרײַנפֿלעכטען אין די נבואות וועגען זײַן בעפֿרײַאונג די שעהנסטע ווערטער וועגען זײַן טאָכטער, וועלכע ער האָט אַמאָל אָנגערופֿען „די הייליגע יונגפֿרוי", האָט ער אַמאָל געזאָגט צו זײַנע מענשען: „אין אַ הייהל נאָהענט פֿון טשענסטאָכאָוו זיצען 600 שנײַדער, וואָס נייהען קליידער פֿאַר דער הייליגער יונגפֿרוי, בײַ יעדען קלייד הענגען אַזעלכע גאָלדענע מטבּעות, וואָס פֿאַלען אַרונטער בײַם דורכגעהן די גאַס און מענשען לויפֿען נאָך רעכטס און לינקס, אויפֿצוקלויבען די מטבּעות. איז איידער איך וועל אַרויסקומען פֿון מײַן געפֿאַנגענשאַפֿט, וועל איך הייסען אָנגרײַטען די וואָגענס און די קליידער. איך אַליין וועל אויך גאָרנישט נעמען פֿון אַלעמען, ווײַל איך וויל אַלצדינג פֿונאַנדערטײַלען צווישען די גלויביגע פֿאַר זײַערע בעדערפֿענישען. און ווען מיר וועלען אַרויסקומען פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט, וועל איך זיצען צוזאַמען מיט איהר אין וואָגען און קיינער חוץ מיר און מײַנע תּלמידים וועט זי נישט זעהן. און ווען מיר וועלען פֿאָהרען דורך די גאַסען פֿון וואַרשע, וועלען די גאָלדשטיקער פֿאַלען רעכטס און לינקס און די וואַרשאָווער מענשען וועלען אונז נאָכלויפֿען, ווי מען לויפֿט נאָכ'ן וואָגען פֿון אַ קעניג"...

בײַ אַנ'אַנדערער געלעגענהײַט האָט ער געזאָגט: „ווען איהר זענט געקומען צו מיר קײַן טשענסטאָכאָוו, איז דאָס נור געווען צוליב דעם כּח פֿון דער יונגע פֿרוי, וואָס איהר גײַסט שוועבט אַרום אין טשענסטאָכאָוו. אַזוי איז אויך אַמאָל געווען אַ קעניג, וועלכער האָט געהאַט בײַ זיך דאָס בילד פֿון אַ יונגפֿרוי, און ווען די מענשען זענען צו איהם געקומען, האָט ער מיט'ן כּח פֿון יענעם בילד געוואוסט, ווער עס איז אונשולדיג. אַזוי גיט מיר אויך מײַן יונגפֿרוי יעדעס מאָל אַ צייכען, איך זאָל וויסען, ווער און וואָס איינער איז. און ווען איהר זאָלט זײַן ראוי, צו זעהן די יונגפֿרוי, וואָס דער כּח פֿון דער גאַנצער וועלט הענגט אויף איהר וואָלט איהר געקענט דערגרייכען די העכסטע מדרגה. אָבער ווײַל איהר האָט נאָך נישט זוכה געווען צו דעם, ווייס איך נישט, צי ווען פֿון אײַך זי וועט זיך אַמאָל ענטפּלעקען"...

אויף דעמזעלבען שטײַגער פֿלעגט ער דעמאָלט כּסדר רעדען, אַלע יודען — האָט ער אַמאָל געזאָגט — געפֿינען זיך היינט אין אַ גרויסער צרה, ווײַל זיי האָפֿען אויפֿ'ן קומען פֿונ'ם אויסלייזער און נישט אויפֿ'ן קומען פֿון דער יונגפֿרוי; אַנדערע פֿעלקער זיצען רוהיג אין זײַערע לענדער, ווײַל זיי פֿערלאָזען זיך אויף זײַער יונגפֿרוי, וועלכע איז בלויז אַנ'אָפּבילד פֿון אונזער יונגפֿרוי, אָט די יונגפֿרוי אונזערע האָט אונטער איהר בעפֿעהל טויזענדע אַנדערע יונגפֿרויען, וואָס אַלע קריגען פֿון איהם דעם כּח, און ווען זי זאָל זיי פֿערלאָזען, וועלען זיי בלײַבען אָהן כּח.

(פֿאָרטזעצונג פֿאָלגט)

וויאַזוי דאָס פֿראַנצויזישע קאָנסאָרציום בעל־הבית'עוועט מיט די זשיראַרדאָווער פֿאַבריקען.

מעמאָריאַל פֿון דער זשיראַרדאָווער שטאָט־פֿערוואַלטונג צו דער רעגירונג.

ווי מיר דערוויסען זיך, וועט די רעגירונג בקרוב זיך פֿאַרנעמען מיט דער פֿראַגע ווי אַזוי עס בעל־הבית'עוועט דאָס פֿראַנצויזישע קאָנסאָרציום מיט די זשיראַרדאָווער פֿאַבריקען.

דער שטאָט־ראַט פֿון זשיראַרדאָוו האָט אויסגעאַרבייט אַ גענויען מעמאָריאַל צו דער רעגירונג, פֿון וועלכען עס איז צו זעהן, אַז דאָס פֿראַנצויזישע קאָנסאָרציום פֿיהרט סיסטעמאַטיש אַ ווירטשאַפֿט, וואָס צילט צו רואינירען די זשיראַרדאָווער אונטערנעהמונגען.

בעת אין יאָהר 1914 זענען אין דער פֿאַבריק געווען בעשעפֿטיגט 8451 אַרבײַטער, וואָס עס האָט אויסגעמאַכט 21 פּראָצ. פֿון דער זשיראַרדאָווער בעפֿעלקערונג האָבען אין דער פֿאַבריק געאַרבייט אין יאָהר 1922, בעת מיט דער פֿאַבריק האָט אָנגעפֿיהרט די רעגירונג— 6020 אַרבײַטער, וואָס עס האָט אויסגעמאַכט 22.5 פּראָצ. פֿון דער בעפֿעלקערונג.

אין יאָהר 1927 אָבער, נאָך אַ דרײַיעהריגען בעל־הבית'עווען פֿונ'ם פֿראַנצויזישן קאָנסאָרציום, אַרבײַטען סך־הכּל אין די אונטערנעהמונגען 3020 אַרבײַטער, ד. ה. 11.2 פּראָצ. פֿון דער זשיראַרדאָווער בעפֿעלקערונג.

ווײַטער ווײַזט דער מעמאָריאַל אָן, אַז דאָס נישט וועלען דורכפֿיהרען די עלעמענטאַרסטע אינוועסטיציע־אַרבײַטען, דאָס קינסטליכע אויפֿשרויבען די פּרײַזען פֿון דער פּראָדוקציע, דאָס נישט געהעריגע זאָרגען זיך וועגען דער פֿיהרונג פֿון דער פֿאַבריק, דאָס אונאויפֿהערליכע אַרויסרופֿען קאָנפֿליקטען מיט די אַרבײַטער, דאָס אַלץ רעדט דערפֿאַר, אַז דעם קאָנסאָרציום געהט אין דערין צו רואינירען דעם מעכטיגען פּוילישן קאָנקורענט, ווי עס איז זשיראַרדאָוו, לטובת די פֿראַנצויזישע טעקסטיל־פֿאַבריקאַנטען און צוגרײַטען דעם פּוילישן מאַרק פֿאַר די פֿראַנצויזישע טעקסטיל־סחורות.

גאָלד, בלוט און פֿרויען.

אַ ראָמאַן פֿול מערקווירדיגע איבערלעבענישען און ליידענשאַפֿטען.

(10־טע פֿאָרטזעצונג).

— צו פֿיל, נאַגי! — האָט מאַקס אויסגערופֿען — דאָס איז שרעקליך! עס איז אמת, ער איז מײַן פֿײַנד און איך האָב געפּוזט פֿון איהם פּטור ווערן, אָבער נישט אויף אַזאַ שרעקליכען אַקט. דאָס איז שוין צופֿיל.

— ווען מען איז גוט און מען האָט אַ ווייך האַרץ דאַרף מען נישט וועלן הייראַטען די שעהנסטע פֿרוי פֿון דער גאַנצער געגענד — האָט נאַגי געענטפֿערט קורץ און שאַרף.

— ער קען דאָך אָבער בעזונד ווערען און אַלץ דערצעהלען — האָט מאַקס ראַדעצקי בעמערקט — ווי וועל איך מיך קענען ווײַזען פֿאַר אונזערע שכנים, ווען מען וועט אַלץ געוואָהר ווערען?

— זײַט רוהיג, גראַף ראַדעצקי! פֿון דאָרט קומט מען נישט אַרויס! דאָרט מוז מען שווײַגען!

— ביסטו זיכער, אַז דײַנע מענשען וועלען איהם אַהינברענגען?

— איך קען זיי גוט, איך ווייס, אַז מען קען זיך אויף זיי פֿערלאָזען.

— איך האָב אָבער געזעהן, ווי זיי האָבן אַ ציטער־געטון, ווען דו האָסט זיי געהייסען אַהינטראָגען איהם.

— דאָס מאַכט נישט אויס — האָט נאַגי געענטפֿערט — זיי וועלען טון דאָס, וואָס איך האָב זיי געהייסען.

מאַקס ראַדעצקי האָט מעהר נישט געפֿרעגט. ער האָט געקענט דעם פֿערוואַלטער פֿון זײַן מוטער'ס גיטער.

שטילערהייט זענען ביידע אוועקגעגאַנגען. שטילערהייט זענען זיי געגאַנגען דורכ'ן וואַלד. די נאַכט איז געווען פֿינסטער און קאַלט. די ביימער האָבן גערוישט און זיך אײַנגעבויגען צו דער ערד.

עס איז זיי געוואָרן לאַנגוויליג צו שווײַגען. — יעצט הער גראַף דאַרפֿט איהר אָנהויבען צו טראַכטען וועגען אײַער חתונה מיט פֿרײַליין על'ווירא טאַקי.

— געוויס. מײַן גוטער און געטרײַער נאַגי! דאָס איז אָבער נישט אַזוי לײַכט, איך ווייס נאָך נישט, וואָס די גרעפֿין טאַקי וועט זאָגען.

— איך האָב דעריבער נאָכגעטראַכט — האָט נאַגי געענטפֿערט — איך האָב אַ פּלאַן, וועלכער וועט אײַך געוויס פֿיהרען צום ציל, ווען איהר וועט נאָר טון אַלץ, וואָס איך וועל אײַך הייסען. די הויפּטזאַך איז, איהר מוזט טון אַלץ אַזוי שנעל ווי עס איז נאָר מעגליך.

— זאָג מיר דעם פּלאַן, נאַגי — האָט אויסגערופֿען דער יונגערמאַן — איך וועל געוויס טון אַלץ, וואָס דו וועסט מיך הייסען.

— איך וועל איהם אויך זאָגען, ווען איך וועל עס געפֿינען פֿאַר נויטיג.

ביידע מענער זענען ווײַטער געגאַנגען. ביידע זענען געווען פֿאַרטיפֿט אין זײַערע געדאַנקען.

— ווייסטו, נאַגי, אַז איך האָב געפֿינען אַ בריף בײַ יענעם באַראָן אויפֿ'ן טיש און איך האָב איהם דורכגעלעזען?

— פֿון וואַנען זאָל איך עס וויסען? איהר האָט דאָך מיר נישט אַלץ דערצעהלט. וואָס שטעהט דען אין יענעם בריף?

מאַקס ראַדעצקי האָט איהם דערצעהלט, וואָס ער האָט געלעזען אין בריף. נאַגי איז געוואָרן פֿרעהליך. — אַזוי? — האָט ער אויסגערופֿען — עס איז ווירקליך וואָהר?

— געוויס איז עס וואָהר.

— דאָס איז גוט! דאָס איז צוגעטראָפֿען! יעצט בין איך זיכער, אַז דער באַראָן באַטיאַני איז פֿערלוירען און איהר וועט הייראַטען די גרעפֿין על'ווירא. מײַן פּלאַן איז אַפֿילו אַ מאָדנער. עס וועלען זיך געפֿינען מענשען, וואָס וועלען זאָגען, אַז ער איז נישט קײַן ערליכער פּלאַן. אָבער ער איז גוט און זיכער. ווען מען וויל עפּעס דערגרייכען, מוז מען טרעטען אַנדערע מענשען מיט די פֿיס. אַזוי האָבן געטון די ערשטע צוויי ברידער אויף דער וועלט: קין און הבל.

— זאָל איך ווערען אַ קין? — האָט מאַקס געפֿרעגט.

— פֿאַרוואָס נישט? אום צו דערגרייכען זײַן ציל, מוז מען אַלץ טון.

פֿון מאַקס ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסען אַ שטילער זיפֿץ. ער איז נאָך נישט געווען אַזוי פֿערדאָרבען, אַזוי נידעריג ווי זײַן פֿרײַנד נאַגי. ער האָט נאָך געציטערט פֿאַר אַ שרעקליך פֿערברעכען. מעגליך, ווען מען זאָל איהם געוואָלט לאָזען אַליין, וואָלט ער פֿילײַכט זיך איבערלעגט און וואָלט נישט פֿערקראָכען טיפֿער אין שרעקליכען זומפּ פֿון פֿערברעכען און נידערטרעכטיגקייט. לעת־איהם האָט זיך אָבער געפֿינען אַ בייזער גײַסט מיט'ן נאָמען נאַגי. דער דאָזיגער בייזער גײַסט האָט אײַנגעשלעפֿערט אין איהם יעדעס איידעל געפֿיהל.

— ווען איז דער בריף געשריבען געוואָרן? — האָט נאַגי פּלוצלינג געפֿרעגט.

— דעם דרײַצעהנטען מערץ.

— אַלזאָ, דאַרף ער אין 8 טעג אַרום זײַן דאָ.

— איך דענק אויך, אַז געאָרג טאַקי וועט דאָ זײַן אין 8 טעג אַרום. האָט מאַקס בעזאָגט — יעצט הויב איך אָן צו פֿערשטעהן דײַן פּלאַן, נאַגי.

— וואָס מיינט איהר, גראַף?

— איך מיין, אַז מיר זאָלען אָנפֿאַלען אויף איהם, ווען ער וועט קומען אַ היים.

— עס פֿרעהט מיך זעהר, וואָס איהר פֿערשטעהט מיך, גראַף — האָט נאַגי געענטפֿערט — גראַף געאָרג איז דער עלטסטער פֿון דער פֿאַמיליע טאַקי. זײַן צושטימונג קען די גרעפֿין על'ווירא נישט הייראַטען. מיר מוזען זעהן, מען זאָל אָנפֿאַלען אויף איהם, ווען ער וועט דורכפֿאָהרען דעם וואַלד. מען וועט בײַ איהם צונעמען דעם בריף. מיר וועלען קומען צו לויפֿען און איהם רעטען. ער וועט לויבען די העלדען־טאַטען פֿון גראַף ראַדעצקי און וועט איהם נישט ענטזאָגען די האַנד פֿון זײַן שוועסטער.

דערווײַל מוזט איהר, הער גראַף, זיך בעסער בעקענען מיט דער גרעפֿין על'ווירא און זעהן, אַז זי זאָל אײַך אַביסעל ליב בעקומען. דאָס איבעריגע וועט שוין אַליין קומען.

אַזוי ווי זיי האָבן גערעדט, אַזוי זענען זיי צוגעקומען צום שלאָס ראַדעצקי. מאַקס איז אַוועק אין זײַן צימער. ער איז געווען מיד און אויפֿגערעגט. נאַגי אָבער איז געבליבען שטעהן אין דרויסען און נאָכגעקוקט, ווי מאַקס איז פֿערשוואונדען געוואָרן אין טויער פֿון שלאָס.

עטליכע מינוטען איז ער געשטאַנען פֿערטראַכט. דאַן האָט ער גערעדט צו זיך אַליין:

— פֿרעה זיך, איידעלער גראַף! עס וועט קומען אַ צײַט, ווען נאַגי וועט זיך הייסען בעצאָהלען פֿאַר אַלץ, וואָס ער האָט געטון פֿאַר דײַנעטוועגען. וועט זיך הייסען גוט בעצאָהלען. דו וועסט מאַכען אַ זויערע מינע, אָבער וועסט געבען אַלץ, וואָס ער וועט פֿאָדערן.

עס איז שוין שפּעט. איך מוז זעהן, אויב מײַנע צוויי שוטפֿים זענען שוין דאָ צוריק, איך מיין, אַז זיי האָבן מיך נישט אָפּגענאַרט, זיי האָבן אַ ציטער געטון, ווען איך האָב זיי געזאָגט, וואו איך האָב אָנגעוויזען צו באַהאַלטען דעם באַראָן און קאַסט און קוואַרטיר, זיי ווייסען נישט, אַז איך האָב איהם געשיקט צו מײַן ברודער. דער דאָזיגער ברודער קען מיך אויך נישט. איך בין אַוועק פֿון איהם זיבער געגאַנגען אַ קינד און יעצט בין איך צוריקגעקומען אַ מאַן.

— קקראַ—קראַ—קראַ! האָט מען געהערט שרײַען אַ ראָב אין וואַלד.

(פֿאָרטזעצונג קומט).

לאדזער כראניק.

פון שול-ראט ביים מאגיסטראט

(ט) געלטען איז אונטער'ן פארזיץ פון ר"ר סקאלסקי פארגעקומען א זיצונג פון שול-ראט ביים מאגיסטראט. עס איז בעשלאסען געווארען צו רופען צווייט צו צוויים קאנפערענצען מיט די שול-אפ-טיילונגען.

נאטיס-דינסטע פאר די געפאלענע זעלנער אין די מאי-געשעהענישען.

(ב) מארגען פאלט אויס די ערשטע יאהרצייט פון די מאי-געשעהענישען אין ווארשא. דער וואיעוואדא יאשטשאלט האט ארויסגעגעבען א צירקולאר, אז אין די געבעט-הייזער זאלען מארגען צעלעבּרירט ווערען נאטיס-דינסטען פאר די געפאלענע זעלנער אין ווארשא.

אבקלאנגען פון באנקראט פון דער פירמע יוליוס היינצעל

(§) דעם 27. אפריל איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון די קרעדיטארען פון דער באנקראטירטער פירמע יוליוס היינצעל. עס איז בעשלאסען געווארען צו ארגאניזירען זיך אין א פעראיין און אונטערצונעמען אן אקציע איינצומאהנען די חובות ביי היינצעל'ן.

די פארברייטונגען אויפצונעמען אין לאדז דעם מלוכה-פרעזידענט מאשטשיצקי.

(ט) די קאמיסיע צו ארגאניזירען די אויפנאהמע פון מלוכה-פרעזידענט אין לאדז, רופט אלע פראפעסיאנעלע, געזעלשאפטליכע און קולטורעלע פעראיינען צו קומען מיט די פעהנער זונטאג דעם 15. מאי אויף פלאץ האמבראווסקי.

די ארגאניזאציעס, וואס ווילען אנטיילנעמען אין דער אויפנאהמע, דארפען זיך שטעלען אויף פלאץ האמבראווסקי שפעטסטענס ביז 10 א זייגער פארמיטאג. דערביי ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז פערשפעטיגטע וועלען נישט צוגעלאזט ווערען.

דער צוגאנג צום פלאץ דאמבראווסקי פאר פעראיינען איז פון דער ציגעל-גאס. נאך דער דעפילאדע פאר'ן מלוכה-פרעזידענט וועלען די פעראיינען זיך אויסשטעלען אין צוויי רייהען. אינמיטען וועט אדורכפאהרען דער הויכע שטעלטער גאסט.

די ארגאניזאציעס דארפען זיך מעלדען שפעטסטענס ביז פרייטאג אין ביורא פון שטאט-ראט (פאמארסקא 16).

* * *

הרב פיינער איז אויף היינט פארמיטאג איינגעלאדען געווארען אין שטאט-ראט, וואו עס קומט פאר א ספעציעלע זיצונג פון דעם שטאטישען קאמיטעט, וואס פערנעמט זיך מיט'ן איינארדנען דעם פייערליכען קבלת-פנים פאר'ן פרעזידענט.

* * *

(ג) געלטען ביינטאג האט אפגעהאלטען א זיצונג די ספעציעלע קהלה-קאמיסיע, וואס פערנעמט זיך מיט'ן ארגאניזירען לכבוד דעם מלוכה-פרעזידענט מאשטשיצקי א פייערליכען קבלת-פנים.

ארומרעדענדיג די פרטים פון דער אויפנאהמע, האט די קהלה איינגעפונען, אז ס'איז געוואונשען, אז אויך די צווייטע יודישע בעפעלקערונג זאל אנטיילנעמען אין דעם קבלת-פנים לכבוד דעם ראש פון דער מלוכה. צוליב דעם איז בעשלאסען געווארען איינצולאדען אויף היינט, דאנערשטאג ביז 12 ביינטאג פארשטעהער פון די אונטען-אויסגערעכענטע ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס, וואס זאלען גלייכצייטיג פארשטעלען דער קהלה-קאנצעלאריע רשימות פון די פערזאנען, וואס וועלען אויף דער פייערליכקייט רעפרעזענטירען זייערע געזעלשאפטען. (קיין ספעציעלע איינלאדונגען האט די קהלה נישט ארויסגעשיקט).

עס זענען נעמליך איינגעלאדען:

סוחרים-פעראיין פעטריקאווער 10; סוחרים-פאבריקאנטען-פעראיין פאלודניאווא 15; כוחרים-פעראיין פעטריקאווער 73; קאלאניאל-הענדלער-פעראיין ציגעל-גאס 15; קאנפעקציאנערען-פעראיין באנד קאנסטאנטינער 10; דעטאליסטען פעראיין פעטריקאווער 31; קליינהענדלער-פעראיינען פון אנראדאווא 10 און זאוואדזקא 5; הויז-בעזיצער-פעראיין פעטריקאווער 46; האנדווערקער-ארגאניזאציעס פון פאלודניאווא 4 און זאוואדזקא 5; בעקער-מייסטער-פעראיין פאמארסקא 15; שניידער-מייסטער-פעראיינען פון פעטריקאווער 20 און אלעע 1 מאי 2; קצבים-פעראיין פעטריקאווער 24; לוין-וועבער, בזשעזשינער 7; שוסטער-מייסטער זאכאדניא 68; פאבריקאנטען-פעראיין זאכאדניא 68; לאנד-טעקסטיל-פערבאנד; "דאברא-משיננאשטש"; רעטונגס-קאמיטעט; "מאן"; "ארט"; "הזמיר"; לעהרער-פעראיין; געזעלשאפט פון יודישע מיטעל-שולען א. א.

* * *

(ג) אויף דער איינלאדונג פון דער קהלה-קאמיסיע אויפצונעמען דעם מלוכה-פרעזידענט זענען געלטען געקומען אין דער קהלה פארשטעהער פון די לאדזער טורן- און ספארט-ארגאניזאציעס און סקויטען. זיי האבען אויסגעדריקט די גרייטקייט אפצוהיטען די ארדנונג ביים קבלת-פנים פון פרעזידענט און סינאגאגע.

אין דעם אויפנאהם-קאמיטעט פון דער קהלה געהען אריין צווישען אנדערע מעג. ד"ר ברוידע, ד"ר ל. פריבולסקי, סינאגאגע-גבאי צוקער, פרעזעס בורזינער, פרנס וויצמאן, פרנס נייטאן און וויצע-פרעזעס בערגער.

די מיטגלידער פון די דעלעגאציעס, ביים בעגעגענען דעם מלוכה-פרעזידענט מוזען זיין אנגעטאן אין גאלא-קליידונג און אין צילינדערס.

* * *

די איינצעלהייטען פון דעם קבלת-פנים פון דער יודישער בעפעלקערונג פאר'ן מלוכה-פרעזידענט, האט די קהלה-קאנצעלאריע מיטגעטיילט אין א ספעציעלען בריף צום שטאטישען אויפנאהמס-קאמיטעט.

וואס איז לאדז פערלויפט זיך.

[א געהאנגענער אויפ'ן פאבריקס-וואקזאל] געלטען 4 פארטאגס האט די באהן-דינערשאפט געפונען אין קלאזעט ביים פאבריקס-וואקזאל הענגען א נ'עלטערן מענש. דער ארויסגערופענער פאגאטאוויע-דאקטאר האט נאר געקאנט קאנסטאטירען דעם טויט פון זעלבסט-מערדער. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער אומגליקליכער הייסט ריכארד האפמאן, א שלאסער. עס איז ביי איהם געפונען געווארען א בריף אין דעם צו זיין פרוי און קינדער. דער טויטער קערפער איז אפגעפיהרט געווארען אין פראזעקטאריום.

[א פאבריקאנט אריינגעכאפט אין די טראנסמיסיע-פאסען] עהרגעלטען איז דער פאבריקאנט אדאם פלוסקאווסקי, וואס האט זיין פאבריק אויף פרעז. נארוטאוויטש-גאס אין פאביאניץ, שטעהענדיג ביי א מאשין איז ער פלוצלינג אריינגעכאפט געווארען אין די טראנסמיסיע-פאסען און שווער פערוואונדעט געווארען.

אין א געפעהרליכען צושטאנד איז ער אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל.

א נייע שווינדלער-באנדע גראסירט אין ווארשא.

אין ווארשע האט זיך בעוויזען א נייע באנדע שווינדלער. א גרויסע צאהל אגענטען פון עפעס אן'אנאנימע אונטערנעמונג קלויבט צונויף אין די מיסט-קאסטענס און קויפט אפילו איין מעטאל-פודעלעך פון שיך-פאסטע, דערנאך וואשען זיי אפ די פודעלעך און פילען זיי אן מיט עפעס א שמירעכץ. די לעצטע צייט זענען א גאנצע רייהע פערזאנען געפאלען קרבנות פון דעם שווינדעל, וועלכער איז זעהר שעדליך צוליב דעם, וואס דאס דאזיגע שמירעכץ פערניכטעט אויף א שרעקליכען אופן די לעדער פון די שיך און פערברענט אפילו די שיך.

די פירמע "זאָשא" וואס ארבייט אויס די בעסטע אין דער וועלט שיך-פאסטע "זאָשא", ווילענדיג אבהיטען פון די פעלשונגען, באנדראלירט שוין א לענגערע צייט איהרע פודעלעך, א דאנק דעם ווער ס'קויפט די בעסטע נישט-פערגלייכליכע "זאָשא" איז זיכער, אז ער בעקומט אריגינעלע סחורה און נישט קיין פאלשיפיקאט.
1934

פאבאר פון יאהרגאנג 1906.
ווער דארף זיך היינט און מארגען שטעלען אויף די קאמיסיע?

(ב) היינט דארפען זיך אויף דער ערשטער פאבאר-קאמיסיע אויף טראוגוטא 10 שטעלען די פאבאר-אנגעהעריגע פון יאהרגאנג 1905, וואס האבען בעקומען אדרעסשעניעס לויט'ן ארטיקעל 35 b און וואס זענען רעגיסטרירט לויט די נומערן 3001—3500 איינשליסליך.

מארגען דארפען זיך שטעלען די פאבאר-אנגעהעריגע פון זעלבען יאהרגאנג, וואס זענען רעגיסטרירט לויט די נומערן 3501—4000.

אויף דער צווייטער קאמיסיע אויף זאקאנטנא 82 דארפען זיך היינט שטעלען די פאבאר-אנגעהעריגע פון יאהרגאנג 1906, וואס וואוינען אין שטח פון 5-טער קאמיסאריאט און וואס זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן מיט די ליטערעז: G. H. Ch.

מארגען דארפען זיך אויף דער צווייטער קאמיסיע מעלדען די פאבאר-אנגעהעריגע, וואס זייערע נעמען הויבען זיך אן מיט די בוכשטאבען: I. J. K.

15. יאהרצייט פון הרב ר' אליהו חיים מייזעל זצ"ל.

(ג) דעם קומענדיגען מאנטאג ווערט 15 יאהר, זינט עס איז נפטר געווארען דער לאדזער רב הרה"ג ר' אלי' חיים מייזעל זצ"ל.

אין שייכות מיט'ן יאהרצייט, וועלען זונטאג אווענד אין באלוטער חברה "נושאי המטה" (מלינארסקא 16) האלטען הספדים הרב ר' משה מנחם סעגאל, ר' משה יוסף דאנציגער און ר' לייבוש גאנעל.

מאנטאג ארדענט-איין די זעלבע חברה א הספד-נאכט. דער איינגיקעל פון לאדזער רב, הרב ר' אליעזר אוטשע מייזעל וועט האלטען א הספד.

טעאטער "סקאלא"

טעמפעראריגע גאסטראלען פון די ארטיסטען ליבלינגע פון לאדזער פובליקום: א. פאליאקאוו, ל. ראבינאוויטש, א. אניעלא, ב. באריסאווא.

פרעמיערע! שבת ד. 14 און זונטאג ד. 15 מאי פרעמיערע!

ווערט אויפגעפיהרט צום ערשטען מאל אין לאדז דער בעריהמטער שלאגער פון אמעריקע, וועלכע ווערט איצט געשפילט אויף אלע אייראפעאישע סצענעס און צייכענט זיך אויס מיט איהר הומאר און ראמאנטיק

א נאכט פון ליבע — אין 3 אקטען פון רייוועלטאן

שבת 3.30 נאכמ. ווערט געשפילט די בעריהמטע מוזיקאלישע אפערעטע אין 3 אקטען

ליאוקע מאלאדיעץ

איבערזעצט—פאליאקאוו, ליאוקע—ראבינאוויטש, פירל—באריסאווא

צום שלוס: פאט און פאטאשאן — קאמעדיע אין 1 אקט

פאט—פאליאקאוו, פאטאשאן—ראבינאוויטש.

צוזאמען מיט אונזער בעשטענדיגען אנסאמבל: פרויען: אניעלא, באריסאווא, בעזמאן, גאלדשטיין, פאדערמאן, מאכאראווסקא. מענער: פאליאקאוו, ראבינאוויטש, האמבורגער, מאכאראווסקי, באלבירסקי, פאליאנסקי, אריעל, אייזענבערג.

מוזיק אונטער דער לייטונג פון ל. זעלמאן. אדמיניסטראטאר: א. בעזמאן.

כי הנצ טעכניקער: מאלערווסקי. בילעטען אין קאסע פון סקאלא. נאָרמאַלע פרייזן!

מאנטאג—די צווייטע פאפולערע פארשטעלונג.

רואיבירטע הורט-פירמעס
וועלען צאהלען 1¼ פראצענט אומזאץ-שטייער לויט'ן איינזעהן פון פרעזעס פון פינאנץ-קאמער.
וויכטיגער צירקולאר פון פינאנץ-מיניסטער.

(ג) פינאנץ-מיניסטער טשעכאוויטש האט פינאנץ-דעפארטאמענט צו די פינאנץ-קאמערן א נייעם צירקולאר (אונטער'ן נומער 194), וואס זעהט פאר בעדייטענדע הנחות פאר'ן סוחרים-שטאנד צוליב דער קריטישער לאגע, וואס אונטערגראבט די עקזיסטענץ פון סוחר'טום. א קאפיע פון צירקולאר איז געלטען אנגעקומען צום סוחרים-פעראיין אין לאדז (פעטר. 10).

אין דעם דאזיגען צירקולאר בעפעהלט דער פינאנץ-מיניסטער די פרעזעס פון די פינאנץ-קאמערן צו מאכען הנחות ביים איינצאהלען אומזאץ-שטייער פאר יענע הורט-פירמעס, ביי וועלכע עס וועט פעסטגעשטעלט ווערען, אז דער ווירטשאפטליכער קריזיס האט זיי רואינירט. די פערלייכטערונג בעשטעהט, נעמליך, דערין, וואס די דאזיגע הורט-פירמעס וועלען, נאך א קאנטראל פון דער פינאנץ-קאמער צאהלען אומזאץ-שטייער אין דער הויך פון 1 און א פירטעל פראצענט, נישט אכטענדיג דערויף, צי די דאזיגע הורט-פירמעס פיהרען האנדעלס-ביכער אדער נישט.

אין זעלביגען צירקולאר מאכט דער פינאנץ-מיניסטער אויך אויפמערקזאם דערויף, אז אלע "ארחאלאגיעס" פון די שטייער-צאהלער מוזען בעטראכט ווערען דורך די אפעלאציע-קאמיסיעס אין משך פון 4 וואכען.

אויך דער דאזיגער פונקט דארף בעטראכט ווערען פאר א גרויסער הנחה פאר'ן סוחר'טום.

* * *

"אופאדלאשטש" פון דער פירמע א. י. פרענקעל

(ג) אויף היינט, דאנערשטאג, 7 פארנאכט רופט די אפטיילונג פאר קרעדיט-שוץ ביים צענטראלען סוחרים-פעראיין (פעטרקאווער 10) א פערזאמלונג פון די קרעדיטארען פון דער באנקראטירטער פירמע א. י. פרענקעל פון אנראדאווא 3, כדי איהר צו מאכען אן "אופאדלאשטש".

יודישע רעקרוטען פון יאהרגאנג 1905 נעכטען אבגעגעבען א שבועה.

(ג) געלטען 10 פארמיטאג איז אויף האלער'ס פלאץ פארגעקומען די שבועה פון אלע רעקרוטען פון יאהרגאנג 1905, וואס ווערען איצט אריינגעצויגען אין די מיליטערישע רייהען.

די פייערליכע צערעמאניע האבען בייגעוואוינט גענעראל מאלאכאווסקי, וואיעוואדא יאשטשאלט און אנדערע פארשטעהער פון דער רעגירונגס- און מיליטערישער מאכט.

די יודישע רעקרוטען האט בעשווארען דער ראבינער פון לאדזער גארניזאן הרב ר' יוסף פיינער.

הנחות ביים איינצאהלען דעם אומזאץ-שטייער.
נייער צירקולאר פון פינאנץ-מיניסטעריום וועגען איינצאהלען אומזאץ-שטייער פאר 1926—27.

(ז) אויף דער אינטערווענץ פון צענטר-סוחרים-פעראיין ביים דירעקטאר פון שטייער-דעפארטאמענט, האט איצט דאס פינאנץ-מיניסטעריום פונאנדערגעשיקט א צירקולאר צו די פינאנץ-קאמערן וועגען הנחות ביים איינצאהלען דעם אומזאץ-שטייער פאר'ן פערגאנגענעם יאהר 1926.

לויט דעם דאזיגען צירקולאר וועלען די הורט-סוחרים, וואס פיהרען נישט קיין האנדעלס-ביכער, צאהלען בלויז 1 פראצ. אומזאץ-שטייער פון יאהר 1926.

די קלענערע סוחרים, וואס זענען בע-עוולה'ט געווארען דורך מצד גרויסע שאצונג, וועלען נאכאמאל קאנטראלירט ווערען דורך א נייער אפשאצונג פון זייער אומזאץ.

דער אומזאץ-שטייער פאר'ן יאהר 1926 וועט צולעגט ווערען אויף 2 ראטעס, די ערשטע ראטע וועט דארפען אריינגעטראגען ווערען דעם 20-טען ד. ח. און די 2-טע דעם 25-טען יוני.

דאס איינצאהלען די "זאליטשקעס" פאר'ן לויפענדען יאהר, ווערט אבגעלעגט ביז'ן 1-טען יולי ה. י.

בריף-אויסטויש צווישען די טעקסטיל-פעראיינען אין לאדז און אין מאסקווא

(ב) מיט א צייט צוריק האבען מיר געברענגט דעם טעקסט פון א בריף, וואס די צענטראלע פון די רוסישע טעקסטיל-פעראיינען אין מאסקווא האט געשיקט צום היגען טעקסטיל-ארבייטער-פעראיין, פארלעגענדיג 10.000 רובל צו פיהרען דעם טעקסטיל-שטרייק. דער היגער קלאסען-פעראיין האט זיך אפגעזאגט פון דער שטיצע, דאנקענדיג פאר דער גרייטקייט צו העלפען. א בריף מיט אן'אפזאג איז אוועקגעשיקט געווארען קיין מאסקווא.

עהרגעלטען האט דער קלאסען-פעראיין ווידער בעקומען א בריף פון מאסקווא, אין וועלכען די פיהרער פון די רוסישע טעקסטיל-פעראיינען וואונדערן זיך, וואס מען האט אין לאדז אפגעווארפען דעם פארשלאג פון שטיצע. דערויף האט דער קלאסען-פעראיין אוועקגעשיקט פאלגענדען ענטפער:

"צום אלרוסישען טעקסטיל-פערבאנד אין מאסקווא.

געעהרטע חברים! בעשטעטיגענדיג די קבלה פון אייער בריף פון 30. אפריל ה. י. טיילען מיר אייך מיט, אז אייער בריף איז געלייענט געווארען אויף דער זיצונג פון דער פערוואלטונג פון אונזער פעראיין. איינשטימיג קאנען מיר אייך אנווייזען, אז אייער בריף טראגט אין דעם גרעסטען טייל פון זיין אינהאלט א פאלעמישען כאראקטער — עס ווערט אונז און איהם געלערנט וועגען די אויפגאבען פון דער פראפעסיאנעלער בעוועגונג.

די דאזיגע אנווייזונגען האלטען מיר פאר איבריג, ווייל מיר האבען אונזערע אייגענע ערפאהרונגען פון דעם קאמף פון ארבייטער-קלאס פאר בעפרייאונג. אין דאזיגען קאמף האלטען מיר זיך אויף דער ליניע, וואס איז אנגעצייכענט געווארען אין די אנגענומענע בעשלוסען פון פראפעסיאנעלען קאנגרעס אין לאנד.

אייערע אנווייזונגען זענען מיט גאר נישט ביכולת צו ענדערן אונזער טאקטישע ליניע, וועלכע מיר האלטען פאר אנ'אויסגעהאלטענע. גלייכצייטיג מוזען מיר פעסטשטעלען, אז דער געמאכטער פארוואורף אין אייער בריף, אז די פיהרער פון אמסטערדאמער פראפ. אינטערנאציאנאל האבען געברענגט דערצו, אז דער קוילען-שטרייק אין ענגלאנד זאל האבען א דורכפאל, איז גרונדלאז און שטימט נישט מיט'ן אמת.

מיר שיקען די רוסישע טעקסטיל-ארבייטער אונזער סאציאליסטישען גרוס

פארזיצענדער: שטשערקאווסקי,
סעקרעטאר: וואלטשאק.

Dr. E. Kaufer
ordynuje jak w latach ubiegłych
KRYNICA, Willa „Herbst“.

א שטרייק אין גיסעריי פון ווידזעווער מאנופאקטור.

(ע) די ארבייטער, וואס זענען בעשעפטיגט אין די גיסעריי-ווארשטאטען ביי דער ווידזעווער מאנופאקטור, האבען ארויסגעשטעלט א לוין-פארדערונג. די קאנפערענץ צווישען די ארבייטער און דער דירעקציע האט נישט געגעבען קיין רעזולטאט. די ארבייטער האבען געלטען פערשטרייקט.

טשיקאווע מעשה'לעך פון דער ראבינאט-שטוב.

1.

א צעשטערט פאמיליען-לעבען.

(ג) אהרן קערשענבוים, אן'ארימער טרעגער פון פעפער-גאס, איז מיט 5 יאהר צוריק געבליבען, לא עליכם, אן אלמן. ער האט נישט לאנג באלעבאטיגט און חתונה געהאט מיט א צווייטער פרוי, א גרושה פון זיינע קאנטען. די גרושה האט זיך ארומגעזעהן, אז דער טרעגער אהרן איז פאר איהר נישט קיין גענוגענדער פרנסה-געבער, און זי איז פון איהם אוועק. זי האט זיך געשטעלט דינגען אלס משרת אין רייכע יודישע הייזער. ס'האט אבער לאנג נישט געדויערט און מ'כוטש אנזאגען דעם טרעגער אהרן קערשענבוים, אז די אנטלאפענע פרוי זיינע איז מעוברת געווארען און האט מיט מזל געבוירען אין א כליניק א צווילינג. די יודענע איז מיט גליק אנטשלאפען פון קוטפעס, געמאלדען די קינדער אויף איהר נאמען (מחמת דעם'ן מאן האט זי נישט קיין אטעסט!) און זיך ווידער געשטעלט ארבייטען. אבער דאס לעבען איז איהר שוין שווער — אויף א "שטעל" וויל מען זי שוין נישט צונעמען מיט די קינדער, מוז זי דערפאר געהן וואשען וועש, וואר-גשם, רוימען און בעדינען ביי צאהלט פאר טאג-ארבייט.

אזוי האט די יודענע זיך געפלאגט יאהרען-לאנג. לעצטענס איז זי אויסגעפלינט געווארען פון מיגשע, און זי האט זיך געווענדעט צום מאן דעם טרעגער, אז ער זאל געבען אויסהאלטעניש פאר די קינדער זיינע. דער טרעגער קרומט זיך, צוקט מיט די פלייצעס און ווייזט:

— וואס וויל זי פון מיר האבען? איך בין א טויטער, נעם פון מיר, א"יב די קענכט!... אז איך אליין האב נישט צו לייגען אין מויל אריין!

און די יודענע אוועק פונ'ם מאן מיט גארנישט. נישט האבענדיג קיין אנדער אויסוועג, האט זי זיך איצט געווענדעט צום ראבינאט, אז מען זאל איהר העלפען. דער מורה הוראה האט אויסגעהערט דאס געוויין, א טרעפ'ן געטאן און געזאגט: "וואס זאל מען טון?"

האט די יודענע געזאגט: נעמט'ס צו ביי מיר די 2 קינדער (צו 4 יאהר אלט יעדעס), וועל איך קאנען געהן ארבייטען. אויב נישט מוז איך איצט זיך ווארפען אונטער'ן טראמוואי.

די רייד האבען געריהרט די מורה-הוראה'ס. זיי האבען זיך בעראטען און בעשלאסען צו שרייבען צום יתומים-הויז (זגערזשער 40), אז מען זאל אהין אריינעמען די 2 "לעבעדיגע יתומים". אויב די בקשה פון ראבינאט וועט בערוקזיכטיגט ווערען, וועט דער ראבינאט גט'ן דאס פארפאלק. היינט אבער וויל ער דאס נישט טון, ווייל וועט דאס יתומים-הויז נישט צונעמען די 2 קינדער, וועלען זיי מוזען אויסגעהאלטען ווערען דורכ'ן ראבינאט.

2.

דער כהן, וואס האט צוויי מאל חתונה מיט א... גרושה.

(ג) א געוויסער קלמן האמער, א כהן, האט מיט לערך 4 יאהר צוריק אנגעוואוירען זיין ווייב, ר'איז געווארען אן אלמן און, נישט קוקענדיג אויפ'ן בעוואוסטען איסור, האט ער חתונה געהאט מיט א גרושה. פערשטעהט זיך, אז ס'האבען זיך געפונען "גוטע פריינד", וואס האבען זיך געוואלט קויפען א מצוה און זיי האבען וועגען דעם כהן מיט דער גרושה מיטגעטיילט דעם ראבינאט. דער ראבינאט האט דעם ענין נישט פערשלאפען, מען האט גערופען דעם כהן, מען האט גערופען זיין צווייט ווייב, זיי אויסגע'מוסר'ט, געשטראפט און געווארענט אויף לאני, ביז די רייד האבען געהאט א פעולה — דאס פארפאלק האט זיך געג'גט. ס'האט אבער לאנג נישט געדויערט, דעם כהן האט זיך פערבענקט צו דער גרושה און — ר'האט א צווייט מאל מיט איהר חתונה געהאט. ווען די ידיעה וועגען דעם איז דערגאנגען צום ראבינאט, איז דער מוטעל געוועזען נאך גרעסער. אבער דאס מאל האט דער ראבינאט מיט זיינע שטראף-רייד און ווארנונגען זיך פונאנדערגעגעהן, נישט געהאט די מינדעסטע ווירקונג.

פינו-לפינו האט דעם כהנ'ס צווייטע פרוי זיך "איבערגעדרעהט דאס פלשטעל" — דער מאן איז פאר איהר צו אלט, זי קאן זיך נישט צופאסען צו זיין ארט צוריקגעהאלטען לעבען, און זי האט איהם גענומען ארומפאהרען פאר דער נאז: ווען ביים מאן איז טאג איז ביים ווייב — נאכט, וואס פאר'ן מאן עס איז קאלט, איז פאר דער פלונית — היים.

הכלל, עס איז געגוג שווארץ און וויסט דאס לעבען פונ'ם כהן, זייט נאך דער צווייטער חתונה מיט דער גרושה. איצט האלט האמער שוין דערביי, אז ער וויל זיך גט'ן פריווילינג, דאס הייסט צוהן דעם צוואנג פון ראבינאט. דער ראבינאט לערנט איהם אב דערפאר און אילט זיך נישט איהם לויז צומאכען פון דער ארגה. אמת, גט'ן וועט מען איהם, אבער אביסעלע שפעטער, איצט האלט עס ביי איהם ביי פרשה "בלק".

Lodzer Tageblat № 110 לאדזשער טאגעבלאט

פייערליכע תפילה אין דער אַלט-שטעטישער שוהל פאַר די געפאַלענע בעת די מאַי-קאמפעו אין וואַרשא

(ג) אין שייכות מיט דעם ערשטען יאָהרגאַנג נאָך דער מאַי-רעוואָלוציאָ, וואָס פאַלט אויס דעם 13. מאַי, ד. ה. מיטוואָך, ווערט דורך דער לאָדזשער קהלה אין אַלט-שטעטישער שוהל אָבגעריכט וועגען אַ פייערליכע תפילה. דער חזן מיט'ן כאָר וועלען מאַכען אַ הזכרת די געפאַלענע בעת די קאמפען אויף די וואַרשאַווער גאַסען.

די פייערליכקייט וועל'ן בייוואוינען פערטרעטער פון דער קהלה פון ראַבינאַט, ווי אויך פאַרשטעהער פון דער קאָמונאַלער, מלוכה'שער און מיליטערי-שער מאַכט.

אַ שטרייק פון שניידער-מייסטער איז בזשעזשין.

(טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

צוליב דעם שטייגענדען יקרות אויף לעבענס-מיטלען האָבען די היגע שניי-דער-מייסטער'ס באַלד נאָך פסח אָבגע-שטעלט די אַרבייט פאָדערענדיג אַנ'-הויבפּה 50 גראָשען אויף יעדען אַנצוג. צווישען דער צייט זענען שוין פאָרגע-קומען מעהרערע זיצונגען פון פאַר-שטעהער'ס פונ'ם שניידער-מייסטער-פער-איין און מאַגאַזינען-פעראיין, צו קיין אויסגלייך אָבער איז נישט געקומען. ביידע צדדים זענען שטאַרק פער'עקשנ'ט. די גאַנצע שווערינקייט ליגט אין דעם, וואָס דער מאַגאַזינער'ן-פעראיין פערלאַנגט, אַז די שניידער'ס זאָלען פריהער צוריק-גיין צו דער אַרבייט און דאַן ערשט זאָל מען פיהרען אונטערהאַנדלונגען, וועלכע וועלען געוויס ברענגען צו אַ גינסטיגען רעזולטאַט.

דערווייל האָט די שטאָדט בעקומען אַ יום-טוב'דיגען אויסזעהן. דער שניי-קענדער עולם שפּאַצירט זיך גאַנץ גע-מיטליך איבער די גאַסען.

נאָך 3 קיילעכדיגע יאָהר, זייט ס'זע-נען פאָרגעקומען וואַהלען צו דער הי-גער קהלה, איז די טעג מיט מזל אָנגע-קומען אַ שרייבער בעפעהל פון סטאַ-ראָסטא, וועלכער שטיצט זיך אויף אַ צירקולאַר פון בילדונגס-מיניסטער פון יאָהר 1924, מאָמענטאַל איבערצוגעבען די קהלה-פונקציעס די ניי-געוועהלטע „דאָזאָרס".

א. יוד.

פעראייניגונגס-פערזאַמלונג פון שומרים-אָרגאַניזאַציעס.

(:) זונטאָג, איז אין, לאָקאַל פון די פעראייניגטע אָרגאַניזאַציעס „ברית-השומר" און „השחר" א. ג. „ברית-טרומפּלדור" (צעגעלניאַנא 68) פאָרגע-קומען די פייערליכע פעראייניגונגס-פער-זאַמלונג אונטער'ן פאָרזיץ פון בר. זיי-פערט. בײם פּאָהן שטעהט אַנ'צהרען-וואַך די קאָמענדאַנטען: אינזשיניער בערנשטיין, מאַגיסטער קשאַק און גאָלד-פאַרב, האַלטען בעגריסונגס-רעדעס. אין נאָמען פון אָפיצירען-קלוב האַלט אַ קור-צע רעדע ס. וועלטפּרייד. דאַן בעגרי-סען די ח"ה מאַרקיזע, ראָזענבערג, גאָלדשמיד און די פייערליכקייט ווערט פערענדיגט אונטערן געזאַנג פון „התחזקנה" און „התקוה".

אַ נייע יודישע קינדער-היים ווערט געגרינדעט אין לאָדז.

(ג) עטליכע לאָדזשער יודישע שול-טוער און עלטערן פון קינדער אין שול-עלטער האָבען אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו גרינדען אין לאָדז אַ נייע יודישע קינדער-היים, וואָס זאָל געפיהרט ווערען אין וועלטליכען גייסט.

די גרינדונגס-פערזאַמלונג איז שוין צושטאַנד געקומען. די אָרגאַניזאַציע צעהלט ביז 50 מיטגלידער. די אָרגאַני-זיר-קאָמיסיע, וואָס איז אויסגעוועהלט געוואָרען ווערבירט איצט נייע מיטגלי-דער און פערנעמט זיך אויך מיט זאַמ-לען אַ געהעריגען פאָנד אויף צו דינגען צו דעם צוועק אַ לאָקאַל. די עלטערן, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער דאָזי-גער אַקציע, צאָהלען חודש-געלד פון אַפּריל אָן. די קלענסטע בעשטייערונג איז 5 זל.

אופאַדלאַשטש פון דער פירמע נ. קאַפּעל.

(§) דער האַנדעלס-אַמט ביים ק"וויו-גערי:כט האָט בעשטראַפט די בימע פון דער פירמע נאַטאַן קאַפּעל צו ערקלערען אַנ'אויפאַדלאַשטש. דאָס געריכט האָט די בימע ערפילט און ערקלערט אַ אופאַדלאַשטש.

פירמע „לעווין און קלעצקי" אָפּגעשטעלט די צאָהלונגען.

(ג) אַ גרויסען רושם האָט אין די לאָד-זער סוחר'ישע קרייזען ארויסגערופען דער פאַקט, וואָס די בעקאַנטע מאַנופאַק-טור-פירמע „לעווין און קלעצקי" האָט אָפּגעשטעלט די צאָהלונגען.

שטיצע פאַר ישיבות, תּלמוד תורות און חדרים.

פון „עזרת-תורה" איז אָנגעקומען שטיצע פאַר פאָלגענדע חנוך-אינסטי-טוציעס: 1) תלמוד-תורה על שם הרב מייזעל זצ"ל; 2) ת"ת בזשעזשינער 23; 3) ת"ת אַלעקסאַנדראָווסקא 13; 4) ת"ת צעגעלניאַנא 59, 5) ישיבת „אהבת תורה"; 6) ישיבת „מחזיקי הדת"; 7) חדר „שומרי הדת", גייערס ראַיאָן; 8) חדר „יסודי התורה", גייערס ראַיאָן; 9) חדר „יסודי התורה", אַל. I מאַי 37; 10) חדר „יסודי התורה", קילינסקי 116; 11) תלמוד תורה ליפּאָווא 31; 12) „קרן התורה" פּאָנסקא 58.

די פאָרשטעהער פון די דאָזיגע אינ-סטיטוציעס דאַרפען זיך מעלדען מיט אַ בעפאָלמעכטיגונג צום סעקרעטאַר אשר מענדעלזאָהן פּרייטאָג 6—3 נ. מ. צו בעקומען די שטיצע.

איינוואוינער פון די פאָרשטעט וועלען האָבען גוט וואַסער.

(ב) מיט אַ צייט צוריק האָט זיך צום מאַגיסטראַט געווענדעט אַ דעלעגאַציע פון די פאָרשטעט, בעקלאָגענדיג זיך דערויף, וואָס די איינוואוינער פון יענע קאַנטען האָבען נישט קיין גוט וואַסער. די דעלעגאַציע האָט געבעטען דעם מאַגיסטראַט צו ערלויבען נעמען וואַסער פון די שטאָטישע פּלומפּען אין יענע ערטער. דער מאַגיסטראַט האָט די ביטע בעפרידיגט.

אונטערשטיצונגס-אַקציע פאַר פיזישע און גייסטיגע אַרבייטסלאָזע פערלענגערט

(ע) דער היגער אַרבייטסלאָזענקאָמיטעט האָט בעקומען מיטגעטיילט, אַז די אונטערשטיצונגס-אַקציע פאַר גייסטיגע און פיזישע אַרבייטסלאָזע, וואָס זיי טערמין פון 13 וואָלט האָט זיך שוין געענדיגט איז פערלענגערט געוואָרען אויפ'ן חודש יוני.

הויפען און גאַסען מוזען געריי-ניגט ווערען 2 מאָל אין טאָג.

(ע) דער רעגירונגס-קאָמיסאַריאַט האָט אַרויסגעגעבען אַ פאַראָרדנונג, אַז אין זומער זאָלען די הויפען און די גאַסען געריינגיגט ווערען 2 מאָל אין טאָג. פאַר עובר זיין אויף דער פאַראָרדנונג וועלען די ווירטסלייט בעשטראָפט ווערען.

אַ שטרייק אין דראַבקינ'ס פאַבריק.

(ב) מיט איינינע טעג צוריק האָט די דירעקציע פון דראַבקינ'ס פאַבריק פאַר-געלעגט די אַרבייטער אַנדערע שכירות פערהעלטנגען, ווי ביז איצט. די אַרבייטער האָבען ניט געוואָלט אָנערקענען די פערהעלטנגען און געלטען ערקלערט אַ שטרייק.

וואַרשאַווער לייה-אַקציעז-געזעלשאַפט אויף בעוועגל. משכנות
(1. אַקציען-לאָמבאַרד)
הויפּט-קאַנטאָר: נאַטאָלעווס'ס פּלאַץ 2, 1-טע אָבטיילונג פּושעיאַוו 1
אָבטיילונג אין לאָדז, זאַכאָדניאַ 31.
גיט אַרויס אַהן בעגרענצונג הלוואות נור אין פּוילישע זלאָטים אויף משכנות פון גאָלד, זילבער, בריליאַנטען, בראָנז, מאַנופאַקטור א. א. בעה. די ביוראָ'ס זענען טעטיג פון 9 ביז 3 שבת פון 9—2.
פּראָצענט—ערמעסיגט.

ביליג און גוט!
ספּאָרט-וואָגען . . . . —.59 זל.
קינדער-בעט מיט ניקל און שאָק. מאַטראַץ —.65 „
פעלד-בעט מיט וועטלעך וויס אָדער ברוין —.15 „
פאָדערט איבעראַל!
די גאַראַנטירטע פעלד-בעטען מיט דער פירמע
„PALMA-PATENT"
לאָדז, פּולנאַצנאַ 24, טעל. 31-85
הורט. פאַר רעוידקעס גאַראַנטירט. דעטייל.

געשמאַקפאַלע
דרוק-זאַכען
אין עלעגאַנטער און איינפאַכער אויספיהרונג
קאַטאַלאָגען, רעכנונגען, בריפבויגען,
חתונה-קאַרטען,
קאָנווערטען, פּלאַקאַטען א. ז. וו.
ליפערט פּרייזווערט און שנעל
די בוכדרוקעריי פון
ע. מ. האַמבורסקי
פּיעטריקאַווער 16, טעלעפאָן 47.
מאָדעס-אַנציינען (סלעפּסידרעס)
ווערען אין פערלויף פון 1 שעה אויסגעפערטיגט און אויס-געקלעבט אין דער שטאָט.

מאַריענבאַד
הויז וויסבאַדען
שעהנע, זוניגע צימער 5 מינוט פון קוועלען און בעדער, מעסיגע פרייזען.
בעז. ברום-נירנבערג.

Cierpienia płuc i gardła
Pouczającą broszurę № 11 bezpłatnie wysyła
Dr Hugo Caro, G. m. b. H., Gdańsk

פאַר 3 זל. עלעקטריש-ליכט אין שטוב
קען יעדער בעקומען אויסצוצאָה-לען וועכענטליך פאַר יעדען פ.
פ. לעווין,
קאָנסטאַנטינער 58,
פראָנט-געהייב.
בעמ. עלעקטרישע לאָמפּען און גאַז-שאַטקעס מיט 25% ביליגער פון צענניק.
קאָנצעסירט דורך דער לאָדזער עלעקטראַזשניע.

צו פערמיטען
ביי צוויי עלטערע מענשען אַ גרויס זוניג פראָנט-צימער מיט 2 פענסטער און קוך-אַנטייל מיט בעקוועמליכקייטען. צו בעזיכטיגען יעדען טאָג פון 11 ביז 2 אַ זייגער ויעלאָנא 65, וו' 18.

Puder do suszenia włosów.
Mia-Cara oczyszcza na sucho włosy, pozbawiając je tłustości i nadając piękną puszystość fryzurze. Niezbędne przy sporcie i w tańcu, szczególnie nadaje się dla główek a la garçonne. Duże pudełko, wystarczające na dłuższy czas zł 5.—Dr. Caspary & Co. Gdańsk

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת?
פאַרוואָס לויפט יעדער אין ביוראָ פּיעטרי-קאָווער 17? ואמרת אליו, זאָלסט דו איהם זאָגען, אַז אין דעם ביוראָ פּיעטרי-קאָווער 17, דורכגאַנג (זאַכאָדניאַ 52) ווערט לויט'ן אויסטאַהז בעקומען פערלע-דיגט אַלערליי ביטעס, קלאָווערעס זאַ-בעזיכטיגונגען אויף אַלע שטעט אין פּוילען, אַפּעלאַציעס, אַפּאָזיציעס, אַר-וואַלאַניעס, רעקורסען — וועגען סאַנ-צעסיעס, פּעסער אין קאָמיסאַר.-זשאַנדו, ביטעס אין אַלע פּאָליציי-בעצירקען, שות-פות-אַקטען, סטאַטוטען, אַקטען אינטערציזיעס, אַקטען דאַראַ-וויזנעס, קאַרנע ספּראָווס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען.
שנעל, רעיעל און ביליג!
מיט אַכטונג י. מאַנעלאַ רעכטסקאָנסולענט
פּיעטריקאָווער 17, זאַכאָדניאַ 52.

וויכטיג פאַר דאַמען!!!
מאַכט איך די עלעגאַנטסטע דאַמען-היטע נאָך דער לעצטער פּאַריזער מאָדע און די עלטסטע היטע איבער-אַרבייטע איך אויף גענצליך ניי. געדענקט די אַדרעס:
23 זאַוואַדזקי 23
נאָר פאַר 2.50 זל.
אין הויף, 2-טען איינגאַנג, לינקס פּאַרטער.
ווערען גענייט זיידענע שירעי
בעמ. נאָר פאַר 7 זל. מיט זיידע אויף פּילץ-היטע אין אַלע פאַרבען אין פּיינסטער אויספיהרונג
„TOBA"



דער שענסטער מאָמענט אין לעבען.
דער שענסטער מאָמענט אין לעבען פון יעדען מאַנספּערזאָן און יעדער פרוי איז דער מאָמענט — פון קוש. ווי טראַגיש איז אָבער דאַמאָלס, ווען די געליבטע אָדער דער געליבטער ציהט זיך צוריק, דערשראָקען דורכ'ן אונאַנגענעהמען גערוך פונ'ם מויל פון דער געליבטער פּערזאָן.
און דאָך קען מען די דאָזיגע טראַגעדיע אַזוי לייכט פערמיידען, בענוצענדיג דעם רעטונגס-מיטעל
FERMENTINA
וועלכער בעזייטיגט דעם אונאַנגענעהמען ריח פון מויל.
„פערמענטינאַ" קאָנסערווירט די ציין, שטאַרקט די דזשאָנסלעס, און מאַכט דאָס אויסאָטעמען אַנגענעהם.
הויפּט-סקלאַד אויף פּוילען: ROMAN WŁODARSKI WARSZAWA, Lubieckiego 5
צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען, אַפּטייק-סקלאַדען און פּערפומעריע-געשעפטען. פּרייז זל. 2.75 פּער שטיק. ווען מ'קריגט נישט, דאַרף מען זיך ווענדען צום הויפּט-סקלאַד אויף פּוילען. פאַר קונים פון דער פּראָווינץ ווערט אַרויס-געשיקט נאָכ'ן בעקומען פאָראויס 3 זל. אָדער 3.50 אויף אַ נאָכנאַהמע.
היט זיך פאַר פעלשונגען:
פּאָרטאָמער אויף בעזונדערע שטעט אויף איינענער רעכנונג ווערט געוואונשען.

Wąsy u pań
szpetne owłosenie na rękach i nogach niszczy „Antarin". Wypróbowany ze znakomitym skutkiem Cebulki włosowe powoli zamierają. Zł. 8. Dr. Caspary & Co, Gdańsk. 1650

לעזט און אַבאָנירט
— דאָס —
„לאָדזער"
טאַגעבלאַט.

לעטשניצע
17 זגערסקאַ 17, טעל. 16-33.
אַלערליי קראַנקהייטען ווערען עפּאַנגען דורך ספּעציאַליסטען-דאָקטוירים פון 9 פריה ביז 6 אָוונד.—מאַסאַזש, עלעקטריזאַציע, פּאַקען-שטעלען, קינסטליכע בערגזאָנ'ן-בעשטראַלונגען, אימפּונגען נעגען שקאַרלאַטינע.

יעדער איינציגער האָט זיך איבערציינט, אַז פאַר
מעבעל
דיוואַנעס, פעלצען, ניי-מאַשינען, גאַרדעראָבען א. ז. וו.
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
א. וויצמאַן נאַרוטאָוויטשא 19
(דזשעלנאַ)
אין מעבעל-געוועלב (פריה.-וואוינ.) סענקעוויטש 29 ביי מיר איז שטענדיג פּערט. גענוצטע מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען.

א מעבלירט צימער
ביי אַ אינטעליגענטער פאַמיליע מיט עלעקטריש ליכט צו פערמיטען.
צו ערפאַהרען וואָסבאָדניאַ 29, וו. 3. 1867

לעזט און אַבאָנירט דאָס
„לאָדזער טאַגעבלאַט"

אַבאָנעמענטס-פּרייז: פאַר אַ חודש אין פּוילען 5 זל., אין פראַנקרייך און בעל-גיען—20 פראַנק, אין אַנדערע לענדער—1.25 דאָלאַר.
אַנאָנסען-פּרייז: פאַר אַ מילימעטער-שורה פאַר'ן טעקסט 16 גראָשען, פּריוואַט 24 גר., אין טעקסט 49 גר.אָג. וו. פאַר אויסלענדישע אַנאָנסען 100% טייערער צווישען דער טעקסט—מיט 50% טייערער. פ ... פר
Redaktor wydawca: E. Hamburski. Tłoczono: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 16.